STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01422

SAKHALIN UN KATORGE

V. M. Doroshevich

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Leo & Gloria Siegel
in memory of
Aaron & Rose Siegel and Hyman & Anna Shayman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ו. דאָראָשעוויטש.

סאכאלין
און
קאטארגע

אויס דעם רוסישען איבערזעצט פון ש. ל. ה.

פערלאג „פראגרעס“,ווארשא

פערלאג געז. „צענטראל“ ווארשע נאוואליפקי 7

Printed in Poland

Foreign Dept.

8987 46

Copyright S. Sreberk
NEW-YORK U. S. A.
1 9 2 6.

Druk. „GLORJA“ Warszawa Solna 9.

די הענקער פון סאַכאַלין.

די הענקער פון סאבאלין.

I.

טאָלסטיק דער „קוואַטער“.

— גוט מאָרגען, חכמה מיינע!

— גוט מאָרגען, פעטערקע!

— וועמען, נאַרעלע איך בין אַ פעטער און דיינעם'ס בין איך אַ קוואַטער! ווייצעלט זיך פריילעך פאַרבייגעהענדיג דער אַלטער סאַבאַליגער הענקער טאָלסטיק.

— וואָס ביזטו איהם פיר אַ קוואַטער? — פרעג איך.

— איך האָב איהם שטיק געגעבען, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע!

— האָסטו פיעלע מענשען געשמיסען?

טאָלסטיק לאַכט אונטער:

— אַלע, וועמען איר זעהט דאָ אַרום, וואַשע וויס...אָבלאַגאָראָדיע, — זענען מיינע געשמיסענע!

סאָלסטיק איז אַלט אַ יאָהר זעכציג, נאָר אויפן פנים זעהט ער אוים ניט מעהר ווי פערציג. ער איז אַ כוואַטסקער מאַנס-פערזאָן, מיט אַ פּאָאר וואָנצען; די מאָרדע איז אימער אָבגע-גאָלט פיין און גלאַט. ער לעבט אויפן סאַבאַלינער אופן, מעשה

בַּעַל הַבַּיִת. אנגעטאהן איז ער ווי א פראנט, אין א „פינדזשאק"‚ הויכע שטיוועל, אֲפִילוּ א לעדערנע היטעל טראגט ער, — וואס דאס איז דער שפיץ פון סאכאלינער „שיק". איבערהויפט האלט ער זיך „מַעֲשֶׂה מענש", דער הומאר איז ביי איהם אימער א פרייליכער, אימער הערט איהר איהם וויצלען זיך און שפאסען.

טאלסטיך איז א געבארענער א סיביריאק. פרעגט איהר איהם: פאר וואס איז ער אריינגעפאלען אין קאטארגע? ענטפערט ער אייך: — „זא זשאנו!" (פאר דעם ווייב).

ער האט אבגעהאקט דעם ווייב מיט א האק דעם קאפ.

— פאר וואס האסטו דאס איהר געטאהן? פרעג איך.

— זי האט געהוליעט, וואשע וויסאקאבלאגאראדיע.

קומענדיג אין סאכאלין, איז דיזער סיבירער אטעללא ניט „פערפאלען געווארען".

ער האט געפונען אזא ארבייט, וואס האט זיך איהם געפאסט. א גרויזאמער פון נאטור, א שטארקער און געשיקטער חֶבְרָה־מאן, איז ער גלייך אוועק פיר א הענקער.

דער מענש איז א געבארענער ארטיסט. פון אלץ מאכט ער א קונסט. וואסער אינסטרומענט איהר זאלט איהם ניט געבען, אויף יעדער כְּלִי ווערט ער א זעלטענער שפילער. די אויפזעהער פון טורמע אליין קלאגען זיך:

— ביי א גוטען הענקער, זאגען זיי, קען מען אויף קיין פאל ניט בעמערקען: צו שמייסט ער אין אֱמֶת שרעקליך, אדער ער מאכט דאס נאר אויף צו כלומערשט. א שמיץ גיט ער, דאכט זיך, א מוֹרָא'דיגען...,

אין אֱמֶת'ען, פאלט איין די הארץ, ווי ער גיט א מאך מיט'ן קאנטשיק...

— און פון דעסטוועגען לייגט זיך אוועק דער קאנטשיק אויפ'ן לייב ווייך ווי פוטער, נאר אהן א שום ווייטאג. זיי קענען דאס מאכען, די „פאדלעצעס", קלאגען זיך פאר מיר די אויפזעהער. וועסט אויף קיין פאל זיי ניט כאפען.

טאלסטיך האט זיך אויסגעלערענט ארבייטען מיט'ן קאנטשיק פאלקאם. דערפאר האט ער אבער בעראבעוועט די קא-

טאָרגע! האָט מען איהם בעצאָהלט, פלעגט ער אַזוי שמייסען, אַז נאָך הונדערט שמיץ, פלעגט דער געשמיסענער אויפשטעהן ווי ניט איהם מיינט מען. האָט מען ניט געצאָהלט, האָט מען שוין געדאַרפט זיך זעגענען מיט'ן לעבען.

אַ מענש איז ער אַ געשייטער און אַ פלינקער; ער האָט שוין אַזוי גוט געקענט פיהרען זיינע געשעפטען, אַז די נאַטשאַלסטוואָ האָט איהם פיר קיין פאַלל ניט געקענט כאַפּען און די קאַטאָרזשניקעס האָבען פיר איהם געציטערט.

די קאַטאָרגע האָט פיר איהם מורא געהאַט. נאָר אין יענע גרויזאַמע צייטען איז אַזאַ הענקער, וואָס מען האָט מיט איהם געקענט „דורכקומען" — געווען פאָרט ניט שלעכט.

— ער האָט געוואוסט וויפיעל ביי וועמען צו נעהמען! האָבען מיר ערקלעהרט איינינע אַלטע קאַטאַרזשניקעס, אויף דער פראַגע: ווי אַזוי האָט די קאַטאַרגע געקענט דולדען אַזאַ מין הויטשינדער.

— מיר איז די קאַטאַרגע, ניט צו פערזינדיגען, אָנגעקומען גרינג! האָט מיר געזאָגט טאָלסטיך.

אַז טאָלסטיך האָט געענדיגט די קאַטאָרגע, איז ער אַרויס „נאַ פאָסעלעניע", (ד. ה. צו וואהנען פריי אין סאַבאַלין), מיט אַ מטבע אין האַנד, און האָט זיך גענומען האַנדלען. זיין מסחר בעשטעהט אין קויפען און פערקויפען אַלטע זאַכען.

קיינער קוקט אויף איהם ניט קרום. פערקעהרט: מען האָט מיט איהם גערען צו טאָהן.

— אַ געשייטער קערל, זאָגען אַללע, פערשטעהט אַ געשעפט.

ווען איך האָב געמאַכט די בעקאַנטשאַפט מיט טאָלסטיך'ן, האָט ער איבערגעלעבט אַ שווערע צייט: ער האָט עפּעס אימיצען געזאָגט אַ גראָב וואָרט, האָט מען איהם אָבגעגעבען אויף אַ חודש צייט „אויף אַרבייט". מען האָט איהם געברויכט אויף אומשאַפען זיך מיט איהם.

דאָס איז טאָלסטיך'ן ניט אָנגעשטאַנען.

— טאָג טעגליך לויף איך אום. די געשעפטען זענען

פערלאָזען. טוהט אַ טובה, וואַשע וויסאָקאַבלאַגאָראָדיע, רעדט פיר מיר אַ גוט וואָרט! האָט מיך געבעטען טאָלסטיך. פאַר וואָס קומט דאָס מיר „אויף אַרבייט״? עס איז שווער.

— אַ העַנקער זיין איז געווען גרינגער, מסתּמא?

— עס פערשטעהט זיך. דאָרטען האָט מען געקענט עפּעס פערדינען.

— וואָס, דו וואָלסט וועלען געהען ווידער פיר אַ העַנקער?

— צו וואָס? איך האָב מיר מיין ברויט, גאָט צו דאַנקען, פון מיין האַנדעל. איצטער קען איך לעבען פריי אויסער דער טורמע, נאָר צייטענווייז שמייס איך אַ מאָל אונטער, אַז עס מאַכט זיך.

— וואָס הייסט דו שמייסט אונטער?

— פערשטעהט איהר מיך, — פאַר אַ יאָהרען האָט אויס־געפעהלט אַ העַנקער אין טורמע. קיינער האָט ניט געוואָלט געהן. און שטראָפען האָבען זיך אָנגעקליבען אַ פּאַק. שמייסען האָט מען געמוזט. נו, האָב איך איבערגעשמיסען אַ מאַן 50, פיר דריי רובעל.

— איז דאָס אמת, טאָלסטיך, וואָס מען דערציילט פון דיר, אַז דו האָסט זיך בעדונגען פיר 15 רובעל צו פערשמייסען אויף טויט שקאָלקינען דעם אַרעסטאַנט?

— טאָלסטיך האָט נאָר אונטערגעשמייכעלט.

— סאַבאַלין, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע!...

II.

אַ העַנקער פון שרעק.

מעדוועדיעוו, דער צווייטער העַנקער פון קאָרסאַקאָווער טורמע איז פילייכט די סאַמע עקעלהאַפטע און אונגליקליכע בעשעפענעס אויפ'ן אינזעל סאַבאַלין.

זיין גאנצער לעבען איז — א הוילע ציטערניס.

געהט איהר פערביי טורמע זעהט איהר ביין טויער א נידעריגען, מיאוס־געבויטען ארעסטאנט. די הענד אזוי ווי הראבליעס. די אויערן טארטשען מאדנע ארויס. די נאז איז א קליינע, א רויטע. דער גאנצער פנים זיינער איז פונקט ווי די מארדע פון א אונגעהייער גרויסער פלעדערמויז.

פון טויער טרעט ער ניט אב אויף א מינוט. דאס שפאציערט ער אזוי. די גאנצע צייט האלט ער זיך ביי די וועכטער אויף די אויגען. פיר קיין זאך אין דער וועלט וועט ער זיך ניט אבקעהרען אן א זייט,

— אזוי ווי א צוגעשמידטער!

מעדוויעדיעוו איז געווארען א הענקער „פון שרעק”.

אין יאהר 1893 האט מען איהם געמשפט אין יעקאטערינאדאר פיר ערמארדען זיין בעל הבית, ביי וועלכען ער האט געדיענט, אלס ארבייטער, דאס איז געווען א רויב מארד. לויט ווי מעדוועדיעוו האט דערצעהלט, איז דער בעל הבית איהם שולדיג געווען געלד און האט ניט געוואלט אבגעבען.

— מען האט מיך חושד געווען אין מארד! טענה'ט מעדוועדיעוו.

און דיזער מענש, וועלכער האט זיך אליין אויסגערופען צו זיין א הענקער און האט געהאנגען ניט איין מאל, האלט אין איין טענה'ען, אז ער ליידט אונשולדיג.

אז איך בין מיט מעדוועדיעוו'ן מעהר בעקאנט געווארען, האט ער מיר געגעבען צו ערקלעהרען: פאר וואס ער לייקענט אב זיין שולד.

— בשעת מען האט מיך גע'משפט, האב איך דאמאלס אויך געלייקענט.

— נו?

— נו, האט מען מיר צוגעפסקענט א שטראף. און טאמער זאג איך אויס, אז איך — וועט מען מיר געוויס צוגעבען נאך א שווערערע שטראף, איצטער טאהר איך גאר נישט ריידען.

אַ הענקער איז מעדוויעדעוו געוואָרען פון שרעק פאַר דער קאַטאָרגע.

— איך האָב געהערט, אַז אין קאַטאָרגע זעצט מען מענשען אונטער דער ערד. האָב איך זעהר מורא געהאַט. דעריבער האָב איך זיך אויסגערופען צו זיין אַ תליון, — איך האָב געמיינט, אַז מען וועט מיך לאָזען אין ראַסיי ביי דער טורמע.

אין טורמע וואו מעדוויעדעוו איז געזעסען, האָט מען געדאַרפט הענגען צוויי קאַווקאַזער מערדער. קיין הענקער איז ניט געוועזן. האָט מעדוויעדעוו זיך אויסגערופען, אַז ער וועט געהן.

וועגען דיעזער הינריכטונג דערציילט מעדוויעדעוו מיט דער זעלבער טעמפּער, רוהיגער מינע, קאַלטבלוטיג. איין זאַך פערדריעסט איהם נאָר, אַז ער האָט ניט אַלץ געקראָגען, וואָס איהם האָט געקומט.

— מיר האָט געקומט אַ רויטע העמד, — מאָהנט ער נאָך אַלץ, — האָט מען ניט צייט געהאַט אויפצוזוכען. איז פערפאַלען — די העמד, נאָר אַ נייעם כאַלאַט האָט מען געגעבען — מעהר ניט.

— האָסטו פאַר דער הינריכטונג כאָטש בראָנפען געטרונקען? פרעג איך.

— ניין, צו וואָס? איך האָב מורא געהאַט — איך זאָל ניט שכור ווערען, ניין, איך בין געוועזן ניכטער.

— און גאָר נישט? האָסט גאָר קיין מורא ניט געהאַט?

— ניטשאַווא. נאָר ווי דער ערשטער האָט זיך פערדרעהט, איז מיר געוואָרען אַ מורא. אונטערן האַרצען איז עפּעס אונטערגעגאַנגען.

און מעדוויעדעוו האָט אָנגעוויזען ערגעץ מיט'ן פינגער אויפן מילץ.

— נו, אַז מען וואָלט דיר . . אַ הייסען הענגען?

— איז וואָס? וועט מען הייסען — וועל איך הענגען.

מעדוויעדעוו'ס האָפנונג איז ניט ערפיללט געוואָרען. מען

האָט איהם פיר אַ תליון ביי דער טורמע ניט געלאָזען. און — פאַרשיקט איהם אין סאַכאַלין.

— נו, גוט, — זאָג איך, — ביזטו אַוועק פיר אַ הענקער, ווייל דו האָסט מורא געהאַט, אַז אין קאַטאָרגע וועט מען דיך פאַרזעצען אונטער דער ערד. פאַר וואָס ביזטו אָבער דאָ געבליעבען אַ הענקער? דאָ האָסטו דאָך געזעהען, אַז דאָס איז נאָר אַ בייקע, אַז מען זעצט ניט אונטער דער ערד.

— דאָ קען איך שוין ניט אַנדערס. פיר מיר איז שוין אונמעגליך צו געהן אין אַרעסטאַנטסקע קאָמאַנדע: ווי באַלד איך בין געוועזען אַ הענקער וועט מען מיך שוין דאָ „צונייען” (הרג'ענען). איך מוז שוין בלייבען אַ הענקער.

און ער בלייבט אַ תליון נאָר פון פּחד.

און פון פּחד נעמט ער אַפילו ניט קיין כאַבאַר

אַז מען ברענגט צו טרייבען אַ נייע פּאַרטיע, איז דער מנהג, אַז מען קלייבט נדבות פאַר'ן תליון פיר יענע, וואָס זיי ערוואַרט די קנוט, אָדער ריטער שטראָף. קיין איינציגער אַרעסטאַנט וועט קיין מאָל ניט אַנטזאָגען צו געבען זיין קאָפּיקע. די לעצטע גיט מען אָב „פאַר'ן תליון. דאָס איז שוין זייער הכנסה.

נאָר מעדוויעדעוו זאָגט זיך דערפון אויך אָב:

מען טאָהר ניט. נעהם איך געלד און גיב קליינע שמיץ, וועט מען מיר אָבזאָגען פון הענקעריי, וועל איך אָבער נעהמען געלד און שמייסען שטאַרק, וועט די קאַטאָרגע דער'הרג'ענען.

און אַז ער נעמט קיין געלד ניט, איז ריכטיג. דאָס בעשטעטיגט אין איין קול די גאַנצע קאַטאָרגע.

— עס העלפט איהם גאָר נישט — ניט מיט גוטען, ניט מיט בייזען. ער ווייס נאָר איין זאַך: שמייסען ביז'ן טויט.

— אָט אַזוי קוקט ער, דער הונד, דעם אויפזעהער גלייך אין פּנים אַריין. מען דאַרף נאָר איהם געבען איין ווינק — שלאָגט ער אַרויס די נשמה. ער האָט דען אַ געפיהל? טעג'ען די אַרעסטאַנטען.

פיהלען אָבער פיהלט מסתמא מעדוועדעוו, בשעת פאַר איהם ליעגט דער אַרעסטאַנט, גאָר אַ סך. דיזער טרוס

ווערט אויף איין אויגענבליק א מעכטיגער. אלץ לאזט ער אויס דאמאלס: זיין איבעריגע ערנידערונג, זיין איבעריגען בהמה'שען פחד, זיין בעטעל-ארימקייט און די מורא צו נעהמען כאבאר. אלץ שטעלט זיך דאמאלס פאר מעדוויעדעוו'ן בשעת עס ליעגט פאר איהם דער מענש, פאר וועלכען ער האט מורא. פיר זיין גאנצען הינטעשען לעבען איז ער זיך דאן נוקם.

און וואס מעהר ער ווערט ערבייזט, האט ער אלץ מעהר מורא, און וואס מעהר ער האט מורא אלץ מעהר ווערט ער ערבייזט.

פון שרעק זעניסט ניט מעדוויעדעוו זאגאר די ביסעל בעקוועמליכקייט, וואס א הענקער קומט.

א הענקער קומט א בעזונדער קאמעריל. נאר מעדוויעדעוו וואהנט אין איהר ניט.

— ביי נאכט וועלען זיי אויסברעכען די טהיר און „צונייהען", זאגט ער.

ער וואלגערט זיך ביי די בעקער. די בעקער שמייסט מען ניט, ווייל זיי קענען מאכען א בעגרעבענעס אין די ברויט. האבען די אויפזעהער פיר זיי דרך ארץ. די בעקער האבען ניט פיר וואס צו זיין אין כעס אויפן העוקער. דעריבער פיהלט זיך מעדוויעדעוו ביי זיי אין זיכערהייט. די בעקער פעראכטען איהם, פערשטעהט זיך, און „האלטען איהם פיר א הונד". אז אימיצער פון די בעקער טרינקט זיך אן, מאכט ער חוזק איבער מעדוויעדעוו'ן. מען הייסט איהם, צום ביישפיל, שלאפען אונטערי באנק.

— אז ניט טרייב איך ארויס

און יענער קריכט אונטער'ן באנק, ווי א הונד.

— ביי נאכט, זאגען זיי, האט ער מורא ארויס צוגעהן אויף א מינוט.

דער געדאנק וועגען ארויס געהן פון קאטארגע, וואס יעדער קאטארזשניק הערט ניט אויף וועגען דעם צו פאנטאזירען ווען ער ליעגט זיך און ווען ער שטעהט אויף — אט דער געדאנק יוארפט מעדוויעדעוו'ן אין איין שרעק און ציטערנעס

— וואָס האָב איך אייך געוואָלט בעטען, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע, האָט ער זיך אַמאָהל צו מיר געווענדעט מיט אַזאַ שרעקענדיגע, אונענטשלאָסענע און רחמנות'דיגע שטיממע.

— בעט פאַר מיר דעם סמאַטריטעל, אַז ס'וועט זיך ענדיגען מיין צייט, זאָל מען מיך לאָזען בלייבען אַ הענקער. ווי אַזוי קען איך אַרויס וואָהנען פריי אויפן אינזעל! מען וועט מיך דער'הרג'ענען, געוויס דער'הרג'ענען!

און טרעהרען זאָגאַר זענען אַרויס פון די אויגען ביי איהם, ביי דעם מענשען, וואָס זיין איינציגער וואונש איז צו בלייבען אַ הענקער דעם גאַנצען לעבען, זיין איינציגער שרעק איז אַרויסצוגעהן פריי.

עס איז מיר געפאַלען צו די פיס:
— בעט פאַר מיך, האָט רחמנות!
און האָט מיר געוואָלט קוסען די הענד.

III

אַ הענקער — אַן אַרטיסט.

אַרום דער קאַנצעליאַרע פון דער אַלעקסאַנדראָווסקער טורמע שלעפט זיך אַרום אַניזעריגער, אויסגעבויגענער מענש מיט אַ פינסטערן פנים און אַן איינגעפאַלענער ברוסט. און ער שלעפט זיך אַרום עפּעס מאָדנע. הונגעריגע הינד, וועלכע קריגען אָפט געשלאָגען, געהען אַזוי פאַרביי דער קיך, לאָזען ניט אַראָב אַן אויג פון פענסטער און האָבען מורא צוצוגעהן נאָהענט. שאָמער וועט מען זיי פלוצלונג אָבבריהען מיט זודיגע וואַסער.

דאָס איז קאָמליעוו, דער עלטעסטער הענקער פון סאַבאַלין. איצטער איז ער אין אַטסטאַוואָקע.

ער האָט דערשמעקט, אַז אין אַלעקסאַנדראָווסקער טורמע וועט מען הענגען דעם בראָדיאַגע טומאַנאָוו, וועלכער האָט גע-

שאָסען אַ טשינאָווניק. איז ער געקומען פון דעם ביידערפיל וואו ער דערלעבט זיינע אַלטע יאָהרען, אין באָגאַדיעל (האָט פיטאַל פאַר אַלטע און שוואַכע).

— אָהן מיר, זאָגט ער, איז ניטאָ ווער עס זאָל הענגען

ער האָט אויפגעהאָנגען אין סאַכאַלין 13 מאַן. ער איז אין „דעם פאַך" אַ ספּעציאַליסט, און האָפט איצט צו „פערדינען אַ דריי קערבלאַך".

און דערוויילע, וואַרטענדיג אויף אַרבייט, האָט ער זיך פערדונגען ביי אַ קאַטאָרזשניצע ניאַנטשען די קינדער.

אָט דאָס זענען סאַכאַלינער זיטטען.

קאָמליעוו איז געקומען צו דער טורמע אום צו דערגיין אויף ריכטיג: וואָס הערט זיך, ווען וועט „דאָס" זיין. ער שלעפּט זיך אַרום פאַרביי די פענסטער פון קאַנצעליאַריע, ווייל דאָ זענען פאַראַן די אויפזעהער.

קאָמליעוו'ן האָט די גאַנצע קאַטאָרגע. וואו מען כאַפּט איהם — שלאָגט איהם איטליכער, מען שלאָגט איהם ווי אַ הונד, ביז ער פאַלט ניט אַנידער ערגעץ אין אַגראָבען. ער רוהט אַביסעל אָב און גייט ווייטער. און וויפיעל מען לייגט ניט אַריין אין איהם קלעפּ — האַלט ער זיך שטאַרק. ווי ניט איהם מיינט מען 50 יאָהר איז ער אַלט; די ברוסט איז איינגעפאַלען, פון די קלעפּ הוסט ער, אָפּטמאָהל מיט בלוט, און אין די הענד האָט ער אַ מערקווירדיגען כּח.

„קאָמלעוו" — איז איינענטליך זיין הענקערשער צונעהמענעם. אַז מען שמייסט מיטן דינעם זייט רוט, הייסט דאָס: געבען „לאָזעס", אָדער פּשוט — ריטטער.

שמייסט מען מיטן גראָבען זייט רוט רופט זיך דאָס אויף סאַכאַלינער לשון: געבען „קאָמליעס".

דערפון שטאַמט דער צונעמענעס „קאָמליעוו".

קאָמליעוו איז אַליין פון קאָסטראָמער גובערניע, ער איז אַ גלח'ס אַ זוהן, האָט געלערענט אין אַ שוהלע, און האָט זעהר ליעב, בשעת ער רעדט, אַריינבראָקען אַ פּסוק פון דער ביבעל, אָדער אַ שפּרוך פון אַנדערע הייליגע ספרים.

פער׳משפ׳ט איז ער געווארען, פאר ראבעווען אין מיטען העללען טאג מיט א רעוואלווער אין האנד — 20 יאהר קאטארגע. אין יאהר 1877 איז ער אנטלאפען פון סאכאלין. נאר לעבען סאמע ברעג, ווען ער איז שוין כמעט געווען אוף דער סיבירער יבשה, האט מען איהם געכאפט. ער האט געקראגען 96 קאנטשיקעס און 20 יאהר צוגאב. אין יענע גרויזאמע צייטען האבען די הענקער געהאט פיעל צו טאהן. און דער הענקער, טערסקי, אויך א בעריהמטע פערזאן אין סאכאלין, האט געדארפט האבען א אונטער העלפער. מען האט געווארפען גורל און עס איז געפאלען אויף קאמליעוו׳ן.

נאר קאמליעוו האט נאך אלץ געטראכט וועגען „דער פריי" און אין 12 יאהר ארום האט ער ווייטער געמאכט פליטה. מען האט איהם געכאפט נאך אויף׳ן אינזעל און צוגעגעבען נאך 15 יאהר.

— סך הכל 55 יאהר ריינע קאטארגע — מעלדעט קאמליעוו מיט א טאן פון זעלבסטרעספעקט.

און מען האט איהם צוגע׳משפט צו 45 שמיץ.

די שמיץ האט געגעבן דעם תלמיד, טערסקי, דער אויבערהענקער אליין.

— נו, לייג זיך, תלמיד׳ל, איך וועל דיר ווייזען ווי מען דארף שמייסען.

און ער האט „געוויזען".

— נאך ביז היינטיגען טאג פוילט ביי מיר די לייב, קלאגט זיך קאמליעוו.

ער האט זיך אויסגעטהאן פאר מיר. די לייב איז אזוי ווי צובראנט מיט גליהענדען אייזען. א שרעק איז געווען צו קוקען. ערטער וויי זענען די וואונדען בעדעקט מיט ווייסע פערטרייקענטע הויט, ערטערווייז איז אנשטאט די הויט אדינע רויטע הייטיל.

— מען גיט א דריק — פלייצט, זאגט ער.

די הייטעל האט געפלאצט און עס האט גערונען עפעס א מין רויטליכע פליאגמע.

אזוי האט זיך איזדיעקעוועט א הענקער איבער א הענקער.

אין אַ קורצע צייט אַרום האָט מען, אָבער געכאַפּט דעם אויבערהענקער, טערסקען אַליין, אַז ער האָט גענומען ביי אַן אַרעסטאַנט כאַבאַר און האָט געשמיסען פּאַוואָליע.

מען האָט צוגע'פּסק'ענט טערסקען 200 שמיץ און שמייסען איהם האָט גע'דאַרפט קאָמליעוו. — דו האָסט מיר געלערנט, ווי צושמייסען מיט אַ קאַנטשוק, און איך וועל דיר ווייזען, וואָס מען קען טהאָן מיט ריטטער.

אויף טערסקען פוילט די לייב נאָך ביז היינטיגען טאָג. דאָס וואָס ער האָט געטהאָן מיט קאָמליעוו'ן איז אַ שפּאָס אַנטקעגען דעם, וואָס קאָמליעוו האָט געטהאָן מיט איהם.

— ווי אין פּסוק שטעהט: אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָהן פאַר אַ צאָהן: ברענגט קאָמליעוו אַ פּסוק, דערציילענדיג די מַעֲשֶׂה.

— איך קען שמייסען, בעריהמט ער זיך, אויף מיין לייב האָט מען מיך אויסגעלערנט.

דעם אַנטלאָפענעם קאַטאָרזשניק גובאַר. וואָס איז פּער־מִשְׁפָּט געוואָרען צו דער קנוטע פיר עסען מענשען־פלייש האָט מען נאָך 45 אָדער 48 קאָמליעוו'ס שמיץ, אַוועקגעטראָגען אין לאַזאַרעט און אין דריי טעג אַרום איז ער געשטאָרבען, ניט קומענדיג צו זיך. און קאָמליעוו האָט עס געטהאָן, ווייל ער האָט גענומען כאַבאַר ביי די קאַטאָרזשניקעס, וועלכע האָבען גובאַרען געהאַסט.

די דאָקטוירים, וועלכע פלעגען זיין דערביי, ווי קאָמליעוו שמייסט, זאָגען, אַז דאָס איז עטוואָס אונגעהייער שרעקליכעס.

דאָס איז ניט מעדוועדיעוו'ס פּשוט'ע בּיזקייט. קאָמליעוו פּייניגט זיין אָפּפער מיט דער גרעסטער קונסט פון זיין הענקער טאַלאַנט. ער שמאַקעוועט זיין מאַכט, ער האָט זאָגאַר אויסגעטראַכט פיר זיך אַ בעזונדער אַנצוג; אַ רויטע העמד מיט אַ שוואַרצען פאַרטוך און האָט זיך אויפגענייט עפּעס אַ הויכע שוואַרצע היטעל. און אַ געשריי טהוענדיג — האַלט זיך! מאַכט ער לאַנגע הֲכָנות און וואַרט אויס, אַזוי ווי ער וואָלט קליבען נחת, קוקענדיג, ווי עס ציטערט און צאַפּעלט זיך די לייב ביי דעם אָפּפער.

די דאָקטוירים פלעגען מוזען אָבקעהרען זיך און שרייען:

— גיכער! גיכער! אום צו מאַכען אַ סוף צו דיעזע פּיינונג.

— און זיי שלאָגען מיך קנאַפּ? דעם גאַנצען לעבען האָבען זיי פון מיר אַרויסגעשלאָגען! פערענטפערט זיך קאָמליעוו, ווען מען פרעגט איהם. פאַר וואָס ווערט ער אַזאַ ווילדע חיה, ווען ער געהט צו צו דעם מענשען, וואָס ליעגט אויפ'ן קלאָץ.

עפּעס שמעקט פון דעם מענשען אונגעהייער שרעקליכעס, ווען ער הויבט אָן אויסצורעכענען אויף די פינגער, „וויפיעל זענען זיי געוועזען צוזאַמען".

— אַנפאַנגס איינער אין וואָיעוואָדסקער טורמע. דערנאָך נאָך צוויי אין וואָיעוואָדסקער... צוויי אין אַלעקסאַנדראָווסקער... און נאָך צוויי אין וואָיעוואָד-סקער... און נאָך איינער... און נאָך דריי... און נאָך איינער... און נאָך איינער... סך הכל האָב איך אויפגעהאַנגען 13 פּאַרשוין.

עפּעס איז איבערגעגאַנגען אַ סקרוך איבער'ן לייב, ווען ער האָט מיר גענומען דערצעהלען די איינצעלהייטען; ווי אַזוי ער האָט דאָס געטהאָן. ער האָט דערצעהלט לאַנגזאַם מיט אַן אומעדיגען נגון, ווי ער וואָלט מזכיר נשמות זיין דעם טויטען. רייידענדיג וועגען איהם האָט ער ניט געזאָגט: „דער הינגע-ריכטעטער. אָדער „פערברעכער", נאָר „ער", און דעם „ער" האָט ער געזאָגט מיט אַ גאַנץ ניעדעריגע שטימע.

— דער ערשטער איז געוועזען קוטעראָווסקי. דערפאַר וואָס ער האָט געגעבען מיט אַ מעסער דעם סמאַטריטעל שישקאָוו. מען האָט איהם געהאַנגען אין וואָיעוואָדסקער טורמע, אויפ'ן הויף. מען האָט אַרויסגעפיהרט אויפ"ן הויף 100 מאַן און 25 האָט מען געבראַכט צו טרייבען פון אַלעקסאַנדראָווסקער טורמע, זיי זאָלען קוקען. ביי דעם ערשטען פאַלט עפּעס אָן אַ מורא, עפּעס אַזוי ווי די הענד ציטערען. האָב איך אויסגעטרונקען צוויי גלאָז בראַנפען... עס נעהמט פאַרן האַרצען. אַ רחמנות צו קוקען, ווי ער דרעהט זיך און צאַפּעלט זיך... נאָר שרעקליכער פון אַלץ איז, אַז מען פיהרט ערשט אַרויס און

א פריהער געהט דער גלח אין דעם שווארצען טלית. — דאמאלס איז א מורא.

— מורא'דיגער פלעגט זיין אין אבענד, נאך דעם. ווי איך געה ארויס — שטעהט „ער" מיר פאר די אויגען.

נאך דער ערשטער הינריכטונג האט קאמליעוו שטארק געטרונקען:

— א פחד איז געוועז.

נאר פון דעם אנדער מאל אן האט ער זיך צוגעוואוינט און האט שוין מעהר ניט געטרונקען; ניט פאר און ניט נאך דער הינריכטונג.

— זיי בעטען זיך נאר: „טאמער קען מען אהן יסורים?" ווערן ווייס ווי קאלך, עס ציטערט אויף זיי די גאנצע לייב, איך האלט איהם פאר'ן פלייצע. ווען ער שטעהט אין „פאסטקע", און דורך דער העמד פיהל איך, אז דער קערפער איז קאלט. גיב איך א מאך מיט דער טיכעל. די אונטערהעלפער האקען ארויס די אונטערסטע קלעציל און — פארטיג...

— און דו ביזט איצטער געקומען דאס צו טהאן?

— פרעסען דארף מען דאך?

„ס'ארא שרעקליכער און עקעלהאפטער מענש", — וועט איהר זאגען, און איך האב געקאנט א פרוי וואס האט מיט איהם א גוט לעבען געהאט.

און דיזע פרוי האט געהאט איינעם, וועלכער האט איהר אויסגע'הרג'עט און אבגענומען ביי איהר די 2 קאפיקעס, וואס קאמליעוו האט איהר געשענקט.

איך בין געוועזן נייגעריג צו הערען, וואס וועט זאגען קאמליעוו, אז מען וועט איהם זאגען, למשל, אזא זאך.

— דו ווייסט, מען וויל דאך באלד אויספיהרען די קערפערליכע שטראף.

— גיב גאטט.,. הלואי וואלט דאס גענומען א סוף! האט קאמליעוו געזאגט און האט זיך איבערגע'צלמ'ט.

IV.

דער גוטער הענקער

אין יאָהר 1897 האָט אין אַלעקסאַנדראָווסקער טורמע זיך אויפגעקליבען די גאַנצע „פּער" פון דער קאַטאָרגע, דאָס הייסט די שווערסטע און עקעלהאַפטעסטע פערברעכער. דווקא אין יענער צייט האָט זיך אָבגעליידיגט דער פּלאַץ פון אַ הענקער. דאָס איז געשעהן דעם ערשטען מאָל זינד די קאַטאָרגע עקזיסטירט. צו זיין אַ הענקער האָט מען אַפּילו ניט געקענט צווינגען, און עס האָט ניט געהאָלפען אַפּילו דער זעצען אין קאַרצער, אויף וועמען דער גורל איז געפאַלען.

אָבער אָהן אַ הענקער קען די טורמע ניט אויסקומען.

האָט די „גאַנצע קאָמאַנדע", דאָס הייסט די קאַטאָרגע אַליין, בעשלאָסען: זאָל זיין אַ הענקער גאַלינסקי.

— איך האָב ניט געוואָלט — ערקלעהרט גאַלינסקי — נאָר וואָס טהוט מען? אז „קאָמאַנדע" הייסט — מוז מען פאָלגען.

— פאַר וואָס־זשע האָט איהר איהם אויסגעקליבען? פרעג איך די קאַטאָרגע.

— אַ גוטער מענש, זעהר אַ גוטער מענש.

גאַלינסקי איי אַלט 47 יאָהר. נאָר אויסזעהן זעהט ער אויס ניט מעהר ווי 35. אויף זיין פּנים זעהט מען גלייך, אַז ער איז אַ מענש אָהן קונצען, אַ תּם'עוואַטער. ער איז הויל ווי אַ קאַטויל, לויפט אַרום אין איינע הויזען, און אַ קוק־טהאָנדיג אויף איהם וועט איהר קיין מאָל ניט זאָגען, אַז דאָס איז אַ הענקער.

— גאַלינסקי, — פרעג איך איהם אַ מאָל, — וויפיעל קאַנטשוקעס האָסטו אַליין בעקומען?

— הונדערט.

— און ריטטער?

— ביז אַ דריי טויזענד.

און אויף זײַן פּנים האָט געשײַנט אַ גוט־הערציגער שמײכעל.

„לײַדען״ — לײַדט גאַלינסקי „פון קלײן־ווײַז אויף״. ער איז אַ מענש אַ גוטער, נאָר אַ אונטערגעצונדענער, ווי מען רופט דאָס. זעהר אַ היטציגער און אַז ער קומט אַרײַן אין כּעס, איז ער ווילד ווי אַ חיה.

אַזוי ווי קאָמליעוו איז ער אויך פון גלח׳עשער פאַמיליע, האָט זיך געלערענט אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסקער סעמינאַריום און איז פערשיקט געוואָרען אונטער פּאָליציי אויפזיכט דערפאַר וואָס ער האָט גע׳הרג׳עט ניט בכיוון אַ חבר אין אַ געשלעג.

— איך בין דאַמאָלס געוואָרען מלא רציחה. האָב איך איהם מיט דער אײַזערנע ליניײקע אַ בענטש געטהאָן איבערען קאָפּ, איז איהם גלײַך די נשמה אַרויס.

דערנאָך האָט ער 4 יאָהר געדיענט אין מיליטער און איז אַרײַנגעפאַלען צוליעב אַ בונט. 5 סאָלדאַטען האָבען זיך אויפגערעדט צו הרג׳ענען דעם פעלדפעבעל, „ער איז געווען אַ גזלן״, האָט גאַלינסקי ערקלערט, גאַלינסקי האָט דערפון געוואוסט און האָט ניט גע׳מסר׳ט. דערפאַר האָט ער בעקומען 13 מיט אַ האַלבען יאָהר קאַטאָרגע.

צוליעב עטליכע מאַניפעסטען האָט מען איהם עטליכע מאָל אָראָבגענומען צו בּיסלאַך. איז איהם אויסגעקומען צו זײַן אין קאַטאָרגע ווענינגער: ער איז אַרויס פון טורמע אויף „וואָלנע פּאָסעלעניע״, דאָס הײסט צו וואוינען פרײַ אויפ׳ן אינזעל. ער האָט שוין געזאָלט בעקומען די ערלויבניס צו פערשרײַבען זיך אין אַ דאָרף, אַלס אַ בויער, און הײַנט, מאָרגען וואָלט ער בעקומען דאָס רעכט צו פערלאָזען סאַכאַלין אין גאַנצער, נאָר: נעזאָנטוטה —, ערועיי, זיי אַטשטש שם.

— כ׳האָב ניט געקענט אויסהאַלטען דעם הונגער, — דערצעהלט גאַלינסקי. ווי איך בין נאָר אַרויס אויף „וואָלנע פּאָסעלעניע״ האָב איך ניט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען. איך האָב זיך פערדונגען אויף אַרבײַט, — נאָר וואָס

קען מען פערדיענען אין סאכאלין? אזוי האב איך געלעבט: וואו א טאג, וואו א נאכט.

דער הונגערן האט זיך געענדיגט דערמיט, וואס ער האט, צוזאמען מיט נאך איינעם אזא פערהונגערטען ווי ער, געה׳רג׳עט א רייכען פאסעלענץ, פון קאווקאז.

— איך האב איהם אליין געה׳רג׳עט. אליין בין איך געווען ווי א שפענדיל, דערצעהלט ער, האב א מאך געטהאן מיט׳ן האק, א זעץ געטהאן איהם און בין אליין צוזאמען מיט׳ן האק אנידערגעפאלען אויף איהם. און אויפשטעהן קען איך ניט. אזוי האט מען מיך אויפגעהויבען.

פיר דיזען מארד האט גאלינסקי בעקומען 100 קאנטשוקעס און אויף אייביג, היינטיגען מאל האט ער געהאט אויסצושטעהן גרויסע צרות אין קאטארגע.

מען האט אויף איהם אויסגעטראכט, אז ער האט פאר׳ מסר׳ט א פאר קאטארזשניקעס, אז זיי האבען זיך צוגעקליבען מאכען פליטה. און מען האט איהם אזוי צו׳ממית׳ט, אז נאך ביז היינט „טהוען וועה די פיס”, זאגט ער.

נאר דאס האט אויך גאלינסקי׳ן ניט בייז געמאכט!

— פאר וואס זאל איך טראגען א כעס אויף אלעמען? זאגט ער, — אבער יענע וואס האבען אויף מיר אויסגעטראכט דעם בלבול „האק” איך און וועל זיי „האקען” יוען איך וועל נאר קענען.

אט די רבילות טרייבער, זאגט מען, הרג׳עט ער שלאגענדיג, ווען נור ער בעגעגענט זיי, אבער אויף דער קאטארגע האט ער רחמנות.

— ווייל, — זאגט ער, — איך האב אויף מיין „אייגענעם פעלל” איבערגעטראגען, אי ריטטער, אי קאנטשוקעס — אלץ האב איך אריבערגעטראגען.

עס טהוט איהם וועה די הארץ אויף די קאטארזשניקעס און ער בעדויערט זיי — האט מען איהם אויסגעקליבען... פיר א הענקער.

א מאָל זיך איך אַזוי בײַ זיך, פּלוצים בעווייזט זיך גאַלינסקי.

אויפ'ן פּנים ליעגט בײַ איהם גרויס אונרוהיגקייט.

— וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע, בעט ער מיך, האָט רחמנות, קומט מאָרגען אין טורמע, קומט, ניט אַנדערש.

— צו וואָס;

— מען זאָגט, אַז מען וועט שמייסען. און אַז איהר זייט דערבײַ הייסט מען ניט שטאַרק שמייסען.

ווי געפעהלט איך אַזאַ הענקער, מיט אַ אונרוהיגען פּנים וואָס כלאַפּאָטשעט אַז מען זאָל ניט הייסען שטאַרק שמייסען! עס איז מיר שווער געווען אײַנצוהאַלטען אַ שמייכעל אויף מיינע ליפּען.

— אַ מאָדנער, משונה'דיגער מענש ביזטו, גאַלינסקי. זאָג איך.

— אמת טאַקע, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע, מאַכט ער, — און לאַכט פון זיך אַליין מיט אַ גוט־הערציגען געלעכטער.

אויף א לעבען.

אויף א לעבען.

פון ברעג ביז דער שטאדט, וואס הייסט פאסט אלעקסאנדראווסקי איז אונגעפעהר צוויי וויארסט. די וועג געהט דורך'ן וואלד. רעכטס און לינקס פון וועג, הינטער דעם גראבען, ציהט זיך די „טייגע”, דאס איז דער טויזענדער־יאהריגער סיבירער וואלד. דא איז דער וואלד שוין אויסגעהאקט און גאנץ שיטטער. אין די גריבער און לאכטשינעס ליגט נאך דער שניי. נאר ערטער־ווייז קריכט ארויס פון דער ערד דער „בערישער אויעריל”, א קארגע סאכאלינער בלומעלע. איהר געללע בלעטעל קריכט ארויס פון דער ערד, אויפגעדרעהט ווי א טרייביל, און לאזט זיך פראכטפאלל פארנאנדער, אזוי ווי זי ווילל זאגען: קלייבט נחת פון מיר, זעהט וואס פיר א שעהנער „בערישער אויעריל” איך בין.

— אך, דער טייפעל זאל איהר כאפען, האט זיך אפגערופען איינער פון די היגע היטער דינער, ווען איך בין מיט איהם פארבייגעגאנגען דעם וועלדיל — סאשקע מעדוויעד האט שוין פארנאנדער־געווארפען איהר געצעלט. זעהט, ווי איהר פלאג טרייסעלט זיך. אך, דו פאסקונדע בריאה! אין אזא קעלט.

אויף איינעם פון די בוימער האט דער ווינד אומגעדרעהט א שמוציגע אניצע.

מאַכען בעקאַנטשאַפט מיט סאַשקע מעדוויעד, הייסט דאָס אַראָפּלאָזען זיך אויף איינעם פון די לעצטע שטאַפּלען אויף וועלכע אַ מענש קען נאָר פאַלען.

סאַשקע מעדוויעד איז אַ בעריהמטע פערזאָן אין סאַכאַלין. איהר קענען אַלע. די „געסט“ איהרע זענען די אָרימסטע שלעפּער. סאַשקע מעדוויעד איז פון אַלעמען פעראַכטעט. זאָגאַר די סאַמע אויסוואורפען פון די סאַכאַלינער פרויען רײדען וועגען איהר ניט אַנדערס, ווי מיט עקעל. די פרויען זענען אין אַלגעמיין ניט קיין גרויסע לײט אין סאַכאַלין. געוועהנליך רופט מען זיי ניט מיט זעהר אַ פײנעם טיטעל. נאָר סאַשקע האָט נאָך גאָר אַ בעזונדער צונעמענעס, וואָס ערגער און פערעכטליכער קען שוין ניט געבען.

סאַשקע איז אַלט אַ יאָהר 45. זי האָט אַ פלאַציגע צורה, אויף וועלכער עס איז אונמעגליך צו דערקענען אַ שפור פון אַ מאָליגען חן. די אויגען זענען אימער מוטנע. ווינד, קעלט, שטורמס האָבען אַזוי „אויסגעאַרבײט“ די הויט אויף איהר געזיכט, אַז זי איז שוין אַזוי ווי אַ פּאַרמעט. אָנגעטהאָן איז סאַשקע, פערשטעהט זיך, אין אָנעצעס.

ווינטער שלעפּט זיך אַרום אָט די פרוי, וועלכע איז שוין כּמעט אַ זקנה, איבער די נאַכטלעגער־הייזער אין די אַרומיגע דערפלאַך. דיעזע שרעקליכע נאַכט־לאַגער־הייזער, האַלטען געוועזענע מײדאַנשטשיקעס, ד. ה. די וואָס דינגען אָפּ די מאָנאָפּאָל פון קאָרטען־שפּיעל אין דער קאַטאָרגע. אַזוי ווי אין די טורמעס, זענען דאָרטען אויסגעשטעלט „נאַרעס“ ד. ה. לאַנגע בײנק אַרום די ווענד, וואו עס וואַלגערן זיך אין איין הורבע מענער, פרויען און קינדער. אָט דאָ וואַלגערט זיך סאַשקע מעדוויעד און קלײבט מזומן אויף מאַכען מאָרגען אַ כּוס'ע.

אָבער ווי נאָר עס ניט אַ בלאָז דער קאַלטער, אומעטיגער סאַכאַלינער פריהלינגס ווינטעל, קלײבט זיך סאַשקע איבער אין דער „טײגע“, לעבען דעם גרויסען וועג. וואו מען געהט נאָך אַנאַנד און מען פאָהרט פון ברעג אין שטאָדט. דאָ „וואַרפט זי פאַרנאַנדער איהר געצעלט“, ווי די קאַטאָרזשניקעס דריקען זיך

אוים אויף זייער לשון, און שטעלט ארוים איהר פלאג, ד. ה. זי הייננט אויף אויף א בוים, ביים סאמע וועג, אן אנעצע.

דאס איז איהר שילד און אפט קענט איהר באמערקען אזא סצענע. עס געהט זיך, ווי ניט איהם מיינט מען, אויפ'ן וועג א קאטארזשניק. ווי ער קומט צו צום בוים מיט דער „פלאג", קוקט ער זיך ארום, צו קיינער זעהט ניט, דאן גיט ער א שפרונג איבערן גראבען און ווערט פערשוואונדען אין דער

און סאשקע זיצט א גאנצען טאג דארטען אין וועלדעל און ווארט אויף „געסט". לעבענדיג אין וואלד, איז סאשקע געווארען א ווילדע בריאה. אז זי דערזעהט אימיצען — א פרייען מענשען, ניט קיין קאטארזשניק, אנטלויפט זי פון איהם, פונקט ווי מיר וואלטען אנטלויפען פון א קאטארזשניק. אז זי שטויסט זיך אן, ניט ווילענדיג מיט אימיצען, א נאז צו א נאז — קעהרט זי זיך אב מיט שרעק און אין איהרע מוטנע אויגען איז קענטיג א מורא, אז אט, אט וועט מען איהר שלאגען.

די „קאנטריבוציע" וואס זי נעהמט פון איהרע האלאפיאטנע געסט איז — צוויי, דריי קאפיקעס פון א נפש. ווי פיעל קען סאשקע פערדינען? 20 קאפיקעס א טאג און אין געוויסע טעג, ווען די קאטארזשניקעס מאכען „פראצענטען" פאר די אויסגע־גראבענע קולען — שטייגט איהר פרנסה ביז 40 קאפיקעס א טאג.

איהר מיינט, אז איהר האט שוין אנגעריהרט מיט אייער פינ די לעצטע שטאפעל פון מענשליכע געזונקענהייט. האט איהר א טעות. דיזע העלע האט קיין גרונד ניט און עס איז שווער צו זאגען: וואו איז דער גרענעץ, וואס ניעדעריגער קען שוין א מענש ניט פאלען

און סאשקע האט א מענשען צו וועלכען זאגאר זי קען פיהלען פעראכטונג.

דאס איז דער בעטלער מאטוויי, מיט וועלכען זי לעבט. אויף וואס דארף איהם סאשקע האבען — איז שווער צו פערשטעהן. עס קען זיין, אז דאס איז גלאט א פשוט'ע אונבעוואוסטע גע־וואהנהייט צו האבען א „פריינד", ווי דער שטייגער איז ביי אזעלכע

פרויען. אַלע פערהעלטניסע צווישען זיי בעשטעהען נאַר אין דעם, וואָס זיי שלאָגען זיך.

פאַר דעם בעטלער מאַטוויי איז סאַשקע אַ קוואַל פון לעבענסמיטעל.

אין אָבענד זעצט זיך סאַשקע אַנידער אויף אַ קלאָץ אין וועלדיל און נעהמט ציילען דעם פערדיענסט, וואָס זי האָט געמאַכט פאַר אַ טאָג — 16 קאָפּיקעס. נאָך צוויי געסט פעהלען איהר, וועט זי שוין דאַן קענען אַוועק ערגעץ אין אַ שיינקעל אויפ'ן מאַרק און אין אַ הינטער קאַמעריל זופען לאַנגזאַם דורך די ציינער אַ גרויסע גלעזעל שפּירעט, שטאַרק צומישט מיט וואַסער.

פּלוצלונג הערט זיך אין טייגע אַ טראַסק פון טרוקענע אַראָבגעפאַלענע צווייגען. אימיצער געהט. סאַשקע שטעלט אָן די אויערן. דער טראַסק הערט זיך אַלץ נעהענטער. צווישען די בוימער גנב'עט זיך אונטער צו איהר, פּאַרזיכטיג, פּאַוואָליע — מאַטוויי. סאַשקע שפּרינגט אויף, ווי אַן אונטערגעצונדענע און גיעט זיך אַ וואָרף אין טייגע אַריין.

— שטעה, דו טייפעל! שרייט מאַטוויי און לאָזט זיך נאָך איהר.

ער האָב גלייך פערשטאַנען, אַז סאַשקע האָט געלד.

און עס הויבט זיך אָן אַ ווילדע יאָגענעס פון אַ מענשען — אַ חיה נאָך אַ מענשען — אַ בידלע, אַ קאַמפּף צווישען צוויי מענשליכע ברואים דערפאַר: ווער עס וועט היינט טרינקען די גלעזעל בראַנפען.

סאַשקע לויפט איבער דער טייגע, זוכט צו בעהאַלטען זיך אין דער געדיכטענעס פון וואַלד; דרעהט זיך אַרום די בוימער, ביז זי פאַרטשעפּעט זיך אָן אַ בערגיל און אַ צובלוטיגטע און צוריסענע פון די שטעכעדיגע צווייגען, פאַלט זי צו דער ערד. מאַטוויי וואַרפט זיך אויף איהר, הרג'עט זי שלאָגענדיג און שרייט:

— גיעב אָב די געלד!

— איך וועל ניט געבען! איך וועל ניט געבען! שרייט סאַשקע און פאַרקוועטשט שטייף אין קולאַק איהרע 16 קאָפּיקעס.

פון נאָז געהט בײַ איהר בלוט. מאַטווײַ שלאָגט איהר מיט'ן פויסט איבער'ן געזיכט. נאָר סאַשקע עפענט ניט אויף דעם פויסט. מאַטווײַ ברעכט איהר די פינגער, שטיקט איהר צו מיט די קניע, דרעהט איהר די הענד, — ביז וואַנען סאַשקע קען שוין מעהר ניט פאַרטראָגען די יסורים און לאָזט פאַרנאַנדער דעם פויסט. יעצט איז די געלד שוין בײַ מאַטווײַ'ען אין פויסט.

מאַטווײַ גיעט איהר צו פאַרבײַסען נאָך אַ זעץ און אַ פערמאַטערטער הויבט ער זיך אויף. נאָר סאַשקע גיעט אַ שפרונג, שטעלט זיך אין איין אויגענבליק אויף די פיס און כאַפּט איהם אָן, אַזו ווי אַ הונד, מיט די צײַנער פאַר'ן האַנד. מאַטווײַ שלעפּט זי אָפּ פאַר די האָר. גיעט זי אַ שלײַדער צו דער ערד און מיט וויפיעל ער האָט כּח גיט ער איהר אַ זעץ מיט'ן פוס אין בויך:

— קרעפּיר, דו פערפלוכטע!

סאַשקע ליגט אויסגעצויגען כּמעט אַ טויטע. אַ צושלאָגענע, צוקאַליעטשעטע, צובלוטיגטע קומט זי דערנאָך צו זיך, ווײַל אימיצער האָט איהר געגעבען אַ שטויס מיט'ן פוס.

— שטעה אויף, וואָס ליעגסטו. וויש זיך אָב די האָר. טו אַ קוק, ווי דײַן פאַסקודנער פּנים זעהט אויס.

דאָס איז געקומען צו איהר אַ „גאַסט". סאַשקע נעהמט זיך אָבווישען די טרעהרען, בלוט און שמוץ, וואָס האָט זיך אויפגעמישט צוזאַמען אויף איהר געזיכט.

איך האָב ניט איין מאָל זיך געפרעגט: וואָס איז דאָס פאַר פערהעלטניסע, וואָס פערבינדען די דאָזיגע ביידע נפשות. וואָס איז ער איהר? אַ מאַן? אַ „פרײַנד"? אַ מענש צו וועלכען זי איז צוגעוואָהנט?

סאַשקע אַליין האָט איהם פאַר מיר כאַראַקטעריזירט קורץ און שאַרף:

— דאָס איז מײַן גזלן.

אַט אַזוי לעבען אויף דער וועלט סאַשקע מיט „איהר גזלן". און דאָס הײַסט אויך אַ לעבען.

אַ „מענש" געוואָרען.

אַ „מענש“ געוואָרען!

— חע, חע! דאָס איז אַ מענש, וואָס מען האָט ביי איהם אוועקגערויבט זיין אונשולד, — האָט מיר געזאָגט וועגען איהם איינער פון די סאָבאַלינער טשיגאָווניקעס.

דער מאַן, מיט וועלכען עס האָט געטראָפען דיזע מאָרנע פּאַסירונג, האָט געהייסען באַלאַד־אַדאַש, פון די קאַויקאַזער „גאָרצעס“, געקומען אַהער פאַר אַ מאָרד.

אַ מענש מיט אַן אונגעהייערער קראַפט. אַ מאָל האָט ער אויך געמוזט בעזיצען אַ מורא׳דיגען העלדענמוטה, שטאָלץ און גרייט צו געהן אין פייער.

די „קאַטאָרגע“ האָט איהם ניט געקענט ליידען. אַרבייטען פלעגט ער זיך ניט אָבזאָגען; אָבער, אַז מען פלעגט איהם, אָדער אימיצען פון זיינע חברים נעבען אַן אַרבייט ניט „נאָכ׳ן געזעץ“, פלעגט ער פּראָטעסטירען דערמיט, וואָס ער פלעגט אוועקוואַרפען די אַרבייט

ער איז געווען העפליך און איידעל אין געשפּרעך; נאָר, אַז אימיצער פלעגט „אָנריהרען זיין כּבוד“, פלעגט ער זיך אַ דרעה טאָהן און — אַוועק.

האָט מען איהם עפּעס אויסגערעדט פאַר אַ זאַך, וואָס ער האָט זיך געפּיהלט גערעכט, פלעגט ער געבען אַ „גאָב“ צוריק.
איהם — איין וואָרט; און ער צוריק — צעהן.

ער איז געווען אַבסאָלוט פערריקט אויף דעם פּונקט, פון

גערעכטיגקייט. און אומעטום, וואו ער האָט געקענט, האָט ער געפאָדערט גערעכטיגקייט.

— עס קומט אויס, אַזוי ווי ניט מיר איהם, נאָר ער אונז איז געקומען אַהער אויסבעסערען — האָט מיט אַ בעליידיגטען טאָן מיר דערציילט וועגען איהם דער טשינאָווניק.

דערצו פלעגט באַלאַד־אַדאַש שמייסען פאַר זיינע פרעכ־הייטען זיך בשום אופן ניט לאָזען.

פרופט איהם לייגען אויפן קלאָץ, וואַרפט ער זיך שלאָגען. נע פאָזוואָליאַיעם מעניע ראַזגאַם טראָגאַט! סעביע, דרוגים, קאַקים פאָפאָלאָ רעזאַט בודעם! נע טראָגאַי לוטשע! (איך וועלל ניט לאָזען משעפּען מיר מיט ריטטער! מיך וואָס איך וועל כאַפּען, וועל איך מיר, אַנדערע שניידען! בעסער ניט טשעפּע!) שרייט ער. וואָס טוהט מען מיט איהם?!...

— בינדען און גוט אויסקאַטעווען! — שלאָגט איהם איבער אימיצער, וואָס איז געווען ביי דעם שמועס.

— אַ דאַנק פאַר דער עצה. היינט בינדסטו איהם און שמייסט איהם אָב, און מאָרגען גיעט ער דיר מיט אַ מעסער אין זייט. מיט די דאָזיגע קאַווקאַזער געהט ניט אָן קיין געלעכטער.

צו דערזעלבער צייט איז אָט אין דער דאָזיגער קאַטאָרזשנער טורמע אָנגעלאָפען, — ניט געקומען צופאָהרען, נאָר טאַקע ממש אָנגעלאָפען, — אַ נייער אויפזעהער.

אַ מענש מיט אַ גזלנ'ישער צורה, מיט אַ כח פון שמשון הגבור, זיין פרינציפּ איז געווען קורץ און פּראָסט: „וואָס מיר גערעכט, ווער מיר גערעכט? האַק אין מאָרדע און — אַ סוף! אָט איהם האָט מען צוגעשיקט באַלאַד־אַדאַשקען, ער זאָל איהם „אָנטאָהן אַ צוים".

מען האָט איהם צוגעשיקט און פריהער מתרה געווען, וואָס דאָס איז פאַר אַ מין חברה־מאַן.

דער גאַנצער אָקרוג (קרייז) האָט געוואַרט.

— וואָס וועט דאָ זיין?

נאָר זאָל עס דערציילען דער ענערגישער אויפזעהער אַליין, מיט זיין אייגענעם מויל.

— איך געה ארויס פון קאנצעליאריע. איך טוה א קוק עס שטעהט צווישען די ארעסטאנטען אט אזא מין טיפ, די פוריע! ווי איינער זאגט: וואס ביסטו פאר מיר א פריץ, קוקט מיט קוראזש, מיט חוצפה. קוקט גלייך אין פנים! די היטעל אויפן קאפ.

אללע, וויפיעל מענשען עס זענען נאר דא געשטאנען, האבען אויסגעשטעלט די אויגען: וואס וועט דא זיין? ווער וועמען וועט גובר זיין? מיין איינגעליבטע האט אין מיר פארקאכט, איך געה אונטער. דו אזיינער און אזיינער, וואס נעהסטו עפעס די היטעל ניט אראב, הא?! שאפקו דאלאי! (אראב די היטעל!) און גיב איהם — א לייג אז ער איז געפאלען ווי א סנאפ".

באלאד־אדאשקע איז אבער די מינוט אויפגעשפרונגען פון דער ערד ווי א טייוועל, האט זיך אווארף געטאהן אויפן אויפזעהער: „דו — שלאגען זיך?!..."

— איך גיב זיך א לאז און — באץ — צוויי מאל. געפאלען ווי א פלאבע, בלוט האט געפלייצט, אוועקגעטראגען א גע'חלש'טען.

דער דועל איז געווען געענדיגט. באלאד־אדאש איז איינגעצוימט.

— מען האט געמיינט דערנאך, אז ער וועט איהם קוילען; אבער, ניין — גאר נישט, עס איז אראפ גלאט, — האבען מיר דערציילט אנדערע טשינאווניקעס. — געוויינט האט דאמאלס באלאדקע, אי געוויינט. טעג גאנצע — מיט קיינעם א ווארט ניט גערעדט. ווי די וואנט! האבען מיר דערציילט די ארעסטאנטען.

איך האב געזעהען באלאד־אדאשען, בין מיט איהם בעקאנט געווארען.

באלאד־אדאש איז ווירקליך געווארען א „מענש". מען קען איהם זידלען, שלאגען. ער לאזט זיך שטייסען, וויפיעל די הארץ גלוסט, און גאנץ אפט קומט איהם אויס צו פיהלען דעם געשמאקען טעם פון ריטמער. ער איז א שכור, א גנב, א ליגנער, א לומפ, א מוסר; עס איז ניטא די שענדליכקייט, די עקעלהאפ

טינקייט, איף וואס דיעזער, פון זיין אונשולד בערויבטער מענש, זאל ניט זיין פעהיג.

א פוילער — וואס זיין גלייכען איז ניטא. ער טהוט נאר און קלעהרט, ווי ארויפצוואַרפען זיין ארבייט, וואס ער דאַרף טהאָן אויף יענעם.

עס איז ניטא איינער אין דער קאטאָרגע, וואס זאל איהם ניט פעראַכטען; ער געהערט צו דעם סאָרט קאַטאָרזשניקעס, וואס הייסען „חס'ען", דאס איז מענשען, וואס האבען אין זיך ניט קיין שפור פון א געוויסען, דאס איז דער פעראַכטעסטער קלאס אַפילו ביי די דאָזיגע „אויסוואורפען פון דער מענשליכער געזעללשאַפט".

ריידענדיג מיט איהם, האב איך איהם געפרעגט וועגען „יענער נעשיכטע", דאס הייסט ווי אזוי מען האט איהם „איינגענומען".

איבער באלאד אדאַש'עס פנים איז אַריבערגעלאָפען א פינסטערער שאָטען, אָבער נאר אויף איין אוינגענבליק; באלד האט ער אַ שמייכעל געטהאָן מיטן גאַנצען מויל, אזוי ווי ער וואלט זיך דערמאָנען אָן עפּעס זעהר א מאָרנעם שפּאַס, און האט געזאָגט, א מאַך טאָנדיג מיט'ן האנד:

— סילנאָ מענע מאָרדאס ביל! שיבקא ביל! (שטאַרק געשלאָגען מיך אין מאָרדע, אַי געשלאָגען!)

אָט דאס איז באלאד-אַדאַש, און אזוי איז ער געוואָרען א „מענש".

דער שרעקליכער טעות.

דֶער שְׁרֶעקְלִיכֶער טְעוּת.

מִיט 27 יָאהר צוּרִיק הָאט אִין פֶּעטֶערסבּוּרג פַּאסִירט אַ טראַגֶעדיֶע, וועלכֶע הָאט גֶעהַאט אַן אוּנגֶעהֵייֶערֶע בֶּעדֵייטוּנג פַאר דֶעם אִינזֶעל סַאכַאלִין. אַ גלֶענצֶענדֶער גוואַרדֵייסקֶער אָפִיצֶער, מִיט'ן נָאמֶען לַאנדסבֶּערג, הָאט אַ טָאג פַאר זַיין חֲתוּנָה, מִיט אַ רַייכֶער כַּלָה פוּן גרוֹיסֶען יִחוּס, ווען אִיהם אִיז פָארגֶעשׁטַאנֶען אוֹיף מָארגֶען צוּ בֶּעטרֶעטֶען אַ גרוֹיסאַרטִיגֶע, גלֶענצֶענדֶע קַארִיעֶרֶע, גֶענוּמֶען אוּן גֶעקוֹילֶעט, מִיט דֶעם צווֶעק צוּ בֶּערַאבֶּעווֶען, אַ רַייכֶען פּרָאצֶענטנִיק אוּן זַיין קֶעכִין.

דִיזֶע פַּאסִירוּנג הָאט אָנגֶעמַאכט אַ גוואַלדִיגֶע סֶענסַאצִיאָן אוּן גַאנץ רוּסלַאנד הָאט גֶעקלוּנגֶען מִיט דֶעם נָאמֶען לַאנדסבֶּערג. נָאךְ מֶעהר שׁרֶעק הָאט צוּגֶעגֶעבֶען דֶעם מָארד דֶער אוּנגלִיק-ספַאללֶער טְעוּת וואָס דָא אִיז גֶעווען.

לַאנדסבֶּערג אִיז גֶעווען אַ קַארִיעֶרִיסט. דָאס אִיז גֶעווען אַ מֶענשׁ זֶעהר נִיט קֵיין רַייכֶער, מִיט דִי לֶעצטֶע קרֶעפטֶען הָאט עֶר זִיךְ גֶעצוֹיגֶען אִין דִי הוֹיכֶע פֶענסטֶער, הָאט גֶעדִיעֶנט אִין דֶער גוואַרדִיֶע, כְּדֵי צוּ זַיין קֶענטִיג אוּן מַאכֶען אַ קַארִיעֶרֶע. אַן אַלטֶער טשִׁינָאווְנִיק, וועלכֶער הָאט זִיךְ בֶּעשֶׁעפטִיגט מִיט פֶער-לַייהֶען גֶעלד אוֹיף פּרָאצֶענט הָאט גֶעהַאט גרוֹיס סִימפַּאטהִיֶע, צוּם אָרִימֶען אָפִיצֶער, וועלכֶער הָאט גֶעוואָלט אַרוֹיס אוֹיף אַ ווֶעג אוּן ווערֶען מִיט „מֶענשֶׁען גלַייךְ", עֶר פלֶעגט אִיהם אִימֶער לַייהֶען גֶעלד אוּן הָאט גֶעהַאט לַאנדסבֶּערג'ס ווֶעקסלֶען אַ גַאנצֶען פַּאק, אַז דִי קַארִיעֶרֶע אִיז שׁוֹין כִּמְעַט גֶעווען פֶארטִיג אוּן לַאנדס-

בערג איז ערקלעהרט געוואָרען אַלס חתן פון אַ רייכער כלה, און אַ גרויסע יחסן'טע, האָט וולאַסאָוו (אַזוי האָט געהייסען דער פּראָצענטניק) אָנגעהויבען אַזוי צו סטראַשען זיין שולדנער.

— נו, נו, וועל איך דיר מאַכען אַ סורפּריז צו דיין האָכ־צייט, אַזאַ סורפּרייז וואָס דו קענסט דיר גאָר ניט פאָרשטעלען.

לאַנדסבערג האָט זיך דערשראָקען. ער האָט געמיינט, אַז וולאַסאָוו וויל אָנגעבען צום פּראָטעסט זיינע וועקסלען, אַרויס־שטעלען איהם אַלס קבצן, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט און וויל חתונה האָבען, אום צו פערריכטען זיינע שלעכטע אומ־שטענדען, ער האָט מורא געהאַט, אַז זיין גאַציע קאַריערע געהט קאַפּוט און האָט בעשלאָסען צו בעקומען ביי וולאַסאָוו'ן די וועקסלען. ער איז געקומען צו וולאַסאָוו'ן, האָט אַוועקגעשיקט די קעכין נאָך קוואַס, האָט געקוילעט מיט אַ גאָלמעסער דעם אַלטען פּראָצענטניק און דער נאָך, אַז די קעכין איז געקומען מיט די קוואַס, האָט ער איהר אויך גע'פטר'ט און האָט צו־גענומען זיינע וועקסלען: וועלכע זענען שוין געלעגען אין אַ בעזונדערן, צוגעגרייטען פּעקעלע צווישען דעם אַלטען'ס פּאַפּיערען.

צווישען דעם ערמאָרדעטענס פּאַפּיערען האָט מען דערנאָך געפונען אַ פאַרטיגען בריעף צו לאַנדסבערגען. אין דיזען בריעף האָט דער אַלטער געוואונשען זיין געליעבטען קונד מזל און ברכה און אַלס דרשה־געשאַנק איז געוועזען איינגעשלאָסען אין בריעף דער פּעקעלע וועקסלען.

אָט דאָס איז געוועזען דער סורפּריז מיט וועלכען דער אַל־טער האָט מיט אַ שמייכעל געסטראַשעט דעם אָפיציער, אויסער דעם האָט מען געפונען דעם פּראָצענטניקס צוואָה און אין דער צוואָה האָט דער אַלטער אָבגעזאָגט זיין גאַנצען פאַרמעגען לאַנדסבערגען.

דיזער שרעקליכער טעות האָט פּאַסירט דערפאַר, וואָס לאַנדסבערג האָט ניט פערשטאַנען וולאַסאָווען. דער אַלטער פּראָצענטניק האָט געהאַט אַ טבע אויסצודריקען זיך פאַרשטעלט, בלשון סגי נהור ווי מען זאָגט.

— כע - כע! ... אַ „דרשה־געשאַנקעל״. האָט ער געזאָגט.

פון אַ גלענצענדען אָפיצער מיט אַ גרויסאַרטיגער קאַריערע אין דער צוקונפט, איז לאַנדסבערג געוואָרען — אַ קאַטאָרזשניק מיט אַ געגאָלטער קאָפּ און מיט צעהנדליגע יאָהרען טורמע אויף די פּלייצעס.

בשעת מען האָט לאַנדסבערגען אַרעסטירט. האָט מען איהם געוואָרענט!

— אין דעם צימער, וואו איהר וועט יעצט בלייבען אַליין, ליעגט אויפן טיש אַ רעוואָלווער, ער איז אָנגעלאָדען... זייט פאַרזיכטיג...

לאַנדסבערגס אונערהערטע טהאַט האָט בלאַמירט די גאַנצע מיליטער. די אָפיצירען פון דער רוססישער אַרמעע האָט ניט געוואָלט, אַז אַזאַ סאָרט חבר זאָל בלייבען לעבען און, לעבענדיג, דיענען אַלס אויביגע שמאַך פאַר זייער עהרע. פיעל בעסער פאַר זיי און שעהנער פאַר דעם בעשולדיגטען וואָלט געווען ער זאָל בענעהן זעלבסטמאָרד...

אַבער לאַנדסבערג האָט קאַלטבלוטיג געענטפערט:

— זייט רוהיג, איך וועל מיך ניט דערשיעסען.

און איז אַוועק אין קאַטאָרגע.

מיט 27 יאָהר צוריק האָט רוסלאַנד ערשט אָנגעהויבען צו קאָלאָניזירען דעם אינזעל סאַכאַלין מיט קאַטאָרזשניקעס, דער אָרט איז געווען אַ ווילדער, אַ שטיינערדיגער, בעדעקט מיט אויביגען וואַלד. האַקען דעם וואַלד, בויען הייזער, גראָבען טונעלען איז אָנגעקומען מיט מורא'דיגע יסורים און אָפּפער, און עס איז גאָר ניט אַרויס. די פערוואַלטונג איז געווען אין פערצווייפלונג.

אין דיעזער קריטישער מינוט האָט די קאַטאָרזשנע שיף געבראַכט אין סאַכאַלין דעם גוואַרדייסקען אָפיציער.

אַללעס וואָס נאָכדעם איז געמאַכט געוואָרען אויפן אינזעל סאַכאַלין ניצליכעס און טויגבאַרעס, וואָס אַנבעלאַנגט וועגען מאַכען, דערפלאַך בויען, אַללע בעסערע אָרדנונגען וואָס זענען דאָרטען איינגעפיהרט געוואָרען, — האָט דאָס אַלעס געמאַכט

לאַנדסבערג. און גאָט ווייס, וואָס פאַר אַ שיקזאַל וואָלט גע־טראָפען די סאַכאַלינער קאָלאָניע, ווען אין פּעטערסבורג וואָלט זיך ניט אָבגעשפּיעלט דער דאָזיגער טראַגישער, שרעקליכער טעות.

ווען דער אויפזעהער פון טורמע קריכט אַרויף אויפן באַרג, נעהמט אַרויס פון טאַש מיט גאווה דעם קליינעם באַראָ־מעטער און מיט דעם פּנים פון אַ געלעהרטען הויבט ער אָן צו מעסטען דעם באַרג „נאָך דעם דרוק פון דער לופט אויף די קוועקזילבער און דער גלעזערנער טרייבעל". האָט אָט די דאָזיגע וויססענשאַפט פאַרטראָגען אין סאַכאַלין לאַנדסבערג. אַרום זענען אַלע — זיינע תּלמידים, אַללע קענטניסע, וואָס זענען נויטיג אין דעם קאַמפּף מיט דער סאַכאַלינערווילדער נאַטור, האָט דאָס פאַרטראָגען אַהין, נאָר ער — לאַנדסבערג.

אַ מאָל פלעגען די תּלמידים ניט וועלען פאָלגען לאַנדס־בערגען און טאָהן ווי זיי פאַרשטעהען, האָבען זיי אָבער סוף כּל סוף געמוזט לאָזען אַלץ מיט אַנאַנדער און אומקעהרען זיך צו לאַנדסבערגס פּלאַנען. אַללעס וואָס ער האָט אויפגעטאָהן אין סאַכאַלין, ווייזט אויף אַ מענשען מיט אַ געזונדען פערשטאַנד, גרויסע קענטניסע און אַ מענשען מיט טאַלאַנט.

פון דעם ערשטען מאָמענט אָן, וואָס לאַנדסבערג איז אָנגעקומען אין סאַכאַלין, האָט שוין געקאָכט מיט איהם אויפן אינזעל גופא און אין גאַנץ סיביר. דער קלאַנג פון דעם בע־ריהמטען פּראָצעס איז שוין אַהין פאַרלאָפען פאַר איהם. יעדער איינציגער האָט מיט דער גרעסטער נייגירדע געגאַרט צו זעהען דעם גלענצענדען פּעטערסבורגער אָפיצער, וועלכער האָט געהאַט בעקאַנטשאַפט אין די הויכע, גאָר די הויכע פענסטער.

אַ מענש מיט גרויסע בילדונג, אַ זעלטענער חכם און אַ געשיקטעסטער קאַריעריסט פון דער נאַטור, האָט לאַנדסבערג גלייך זיך אויסגעצייכענט און געשטאַנען העכער פון אַללעמען אַרום איהם, ווי מען זאָגט, מיט צעהן קעפּ.

לאַנדסבערג האָט גלייך בעקומען אין סאַכאַלין דעם טיטול „פּריץ", און ער האָט טאַקע ווירקליך געשפּיעלט די ראָללע פון

א פריץ. אָהן איהם האָט זיך קיין זאך ניט געטאָהן. ער האָט געקאָמאַנדעוועט מיר פאַרטיעס אַרבייטער. פאַקטיש איז ער געווען דער נאַטשאַלניק פון טורמע; געלעבט האָט ער ניט אין טורמע גופא, אין געשפרעך האָט מען איהם גע„איהר״צט, אַזאַ כבוד, וואָס איז אין סאַבאַלין אַ זעלטענהייט.

דאָס האָט אויפגערעגט די קלענערע טשינאָווניקעס און זיי האָבען איהם געהאַסט ווי דעם טויט.

— וואָס זאָגסטו... עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט געווען „אונזער גלייכען״.

לאַנדסבערגען איז ניט זעלטען פאָרגעקומען אויסצושטעהן גרויסע יסורים פאַר זיין „יחוס״.

מעהר פון אַללעמען האָט איהם געהאַסט איינער אַ אונטער־אויפזעהער.

— איך וועלל איהם ווייזען, ווי צו זיין אַ „יחסן״, האָט ער אַלץ גע׳טענה׳ט. זיין צאָרען האָט געגרייכט ביז צו אַ מין וואַהנזינן.

איין מאָהל האָט ער געטראָפען לאַנדסבערגען זיצען אין קאַבינעט ביי איינעם פון די טשינאָווניקעס. זיי זענען געזעסען און פערבראַכט. מעהר האָט ער ניט בעדאַרפט.

— וואָס? ווי? זיצען אין דער אַנוועזענהייט פון דער נאַטשאַלסטוואָ?! אין קייטען זאָל מען איהם גלייך פערשמידען! אויף אַכט טאָג אין קאַרצער!

און לאַנדסבערגען האָט מען פערשמידט אין קייטען און אַריינגעזעצט אין אַ נאַסען. פינסטערען קאָרצער, 8 טאָג איז ער דאָרט געזעסען אויף ברויט מיט וואַסער, און דער טשינאָווניק האָט טריאומפירט.

— ווי געפעלט אייך, ווי איך האָב לאַנדסבערג׳ען אַליין פאַרגעבען?!

פון דער אַנדער זייט האָט די קאַטאָרזשניקעס אויך שטאַרק פאַרדראָסען די אונגערעכטיגקייט.

— פאַרשיקט פאַר דאָס זעלבע, וואָס מיר. נאָך ערגער פיעללייכט!

לאנדסבערג האט געדארפט זיך האלטען מיט גרויס טאקט, זיין זעהר און זעהר פארזיכטיג. ביי דעם קלענסטען פערדאכט, אז ער איז „איין האנד מיט דער נאטשאלסטווא" וואלט איהם די קאטארגע דער'הרג'עט.

דא האט איהם געהאלפען זיין נאטירליכע געשיקטהייט, ער האט פערשטאנען ווי אזוי צו האלטען זיך, אז די נאטשאלסטווא זאל זיין צופריעדען און פאר דער קאטארגע זאל ער בלייבען א „חבר", וועלכער געהארכט איהרע געזעטצע.

אמאל האבען איהם די קאטארזשניקעס געהייסען ברענגען איינעם פון די געהאסטע קלענערע נאטשאלסטווא אויף א פלאטץ, וואו מען האט שוין אויף יענעם געווארט אום צו הרג'ענען איהם. לאנדסבערג האט געמוזט דעם בעפעהל פאלגען האט אבער געמאכט אזא קונץ, אז כלומרשט די אקס האט זיך צו־בראכען באלד נאך'ן ארויספאהרען, מען האט געמוזט געהן צוריק, און אזוי איז ער געבליבען „טריי" דער קאטארגע.

אז לאנדסבערג איז אויסגעוועזען זיינע יאהרען אין קאטאר־גע, — און איז, לויט דעם געזעץ, געווארען א פרייער סאכא־לינער איינוואהנער, — האט ער געעפענט א קרעמיל פון דוהעס, הארמאניקעס, סיטצען, דזשענגאבעץ, בייטשען און קאנפעטען...

ער בעזיצט א מערקווירדיגע פעהיגקייט בלייבען דער זעלבער. ניט אנווערען דעם מוטה אין אלע אומשטענדע. אז ער איז געווארען פון א גלענצענדען גווארדייסקען אפיציער א קלייגער קרעמעריל איז ער געוועזען אין „געשעפט" אויך א זעל־טענער בריה. ער האט געפיהרט זיין קרעמיל אויסגעצייכענט. פון דעם קרעמיל איז געווארען א קראם, דערנאך א גרויסער מאגאזין, דערנאך איז ער געווארען אגענט און פארשטעהער פון גרוסע האנדעלס־פירמעס. ער אליין איז שוין געזעסען ווי א פריץ אין דער היים, און אין קראם, וואו מען האט נאך אלץ פערקויפט בייטשען, דזשענאבעץ און צוקערקעס — האבען געדיענט פריקאשטשיקעס.

אז ער איז „אבגעוועזען" די געזעצליכע צאהל יאהרען אלס בויער, האט ער דערנאך געקריגען דאס רעכט צו ווערען

אַ „מיעשטשאַנין״ (קליין בירגער) אין דער שטאָדט, וואָס וועט איהם וועלען האָבען. איהם האָט אָנגענומען די שטאָדט וולאַדיוואָסטאָק. (אַ רוססישע פאָרט־שטאָדט, עק סוביר, ביַין גרויסען אָקעאַן), ער האָט פריהער חַתוּנָה געהאַט מיט זעהר אַ וואוילער פרוי, אַן אַקושערין, און לעבט מיט איהר ווי אַ פּאָאר טויבען

ווער וויים צו ער וואָלט קעניין געניסען אין רוסלאַנד אַזאַ זיסען פאַמיליען־לעביען ווי אין סאַכאַלין.

27 יאָהר איז לאַנדסבערג אָבגעזיען אין טורמע און אין קאַטאָרגע און איז נאָך אַלץ געבליעבען דער זעלבער פראַנט מיט דיזעלבע אַריסטאָקראַטישע שיינע מאַניערען, רעדט פראַנצויזיש פראַכטפאָל און... ווערגט זיך אויף דעם וואָרט קאַטאָרגע.

— בְּשַׁעַת איך בין נאָך געווען אַן... אַרבייטער, זאָגט ער געוועהנליך, דערמאָנענדיג די פריהערדיגע צייט און מיינט אַ קאַטאָרזשניק.

דעם וואָרט „קאַטאָרזשניק״ און „סאַכאַלין״ קען אַ קאַטאָרזשניק בשום אופן ניט אַרויסריידען — זיי זאָגען אימער „אַן אַרבייטער״, „דיזער אינזעל״.

לאַנדסבערג האַסט די קאַטאָרגע און די קאַטאָרזשניקעס ווי דעם טויט. ער רופט זיי ניט אַנדערש ווי בעסטיעס און קלאָגט זיך, אַז מען האָט זיי יעצט צולאָזען, מען בעהאַנדעלט זיי צו ווייך.

די קאַטאָרגע ווידער האַסט איהם אויך. מען קלעהרט אוים אויף איהם אַלערליי שמוציגע און שרעקליכע באָבע מַעֲשִׂיוֹת.

— זאָל זיין אַזוי, — רופט זיך אָב צו מיר איינער פון די סאַכאַלינער טשינאָווניקעס, — זאָל זיין, אַז ער איז דער איינציגער, וואָס איז אין קאַטאָרגע געוואָרען אַן עהרליכער אַרבייטזאַמער מאַן. אָבער ווי קען מען זיין אַזוי רוהיג? ער פיהלט דאָך זיך אויסגעצייכענט גוט, אַזוי ווי ניט ער, נאָר אַנאַנדערער האָט „דאָס״ געטאָהן.

פון „יענער טהאַט״ איז געבליבען ביי לאַנדסבערגען אַ

צונויפגעצויגענער פינגער: שניידענדיג דעם אַלטען פּראָצענטניק, האָט ער זיך איינגעשניטען דעם קליינעם פינגער, און דורך דעם איז ער אַריינגעפאַלען.

איז דאָס אמת, אַז לאַנדסבערג געדענקט ניט זיין פערגאַנגענהייט?

איין מאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז „עפּעס" האָט אַ קלונג געטאָהן אין די ווערטער פון דיעזען „מענשען, וואָס געדענקט ניט זיין פערגאַנגענהייט".

אַלע ווענד פון לאַנדסבערגס בעקוועמליכען זאַל זענען פערהאַנגען מיט די פּאָטרעטען פון זיינע קינדער, וועלכע זענען געשטאָרבען פון דיפטעריט. וועגען זיי איז געגאַנגען דער געשפּרעך.

— אַ מערקווירדיגע זאַך! רופט זיך אָב לאַנדסבערג, דאָ. „אויף דיעזען אינזעל", איז דאָך קיין מאָל קיין דיפטעריט ניט געוועזען. די פרייע, וואָס קומען אַהער מיט די קאַטאָרזשניקעס, האָבען עס אָנגעטראָגען. די קינדער זענען קראַנק געוואָרען און אַלע צושטאָרבען. אַלע — אַזוי ווי אַ שטראָף וואָלט זיך אויסגעגאָסען...

אַרויסזאָגענדיג דאָס וואָרט האָט זיך לאַנדסבערג אָבגעשטעלט, זיין געזיכט איז רויט געוואָרען, ער האָט איינגעבויגען דעם קאָפּ און איינige מינוט האָט געדויערט דאָס שווייגען.

דאָס זענען געוועזען די שווערסטע מינוטען, וואָס איך האָב ווען עס איז איבערגעלעבט.

איך האָב געפרעגט לאַנדסבערגען: צו קלייבט ער זיך ניט נאָך רוסלאַנד?

— עס וואָלט זיך וועלען פאָהרען, — האָט ער געענטפערט, — איך האָב דאָרט אַן אַלטע מוטער, זי וויל מיך זעהען חאָטש איין מאָל פאַרן טויט. אָבער אין גאַנצען אַריבערקלייבען זיך אין רוסלאַנד — דאָס ניט! איך וויל נאָר דאָ אַביסעל אַן אַרבייט טהאָן. איך דאַרף דאָך עפּעס נעהמען מיט פון „דיעזען אינזעל". ניט אומזיסט האָב איך דאָך פאַרבראַכט דאָ אַזוי פיעל יאָהרען.

אין אמת'ען זעהט אוים, אזוי ווי א מענש איז געקומען אהער מאכען געשעפטען. און „געטאהן" האט ניט ער, נאר אן אנדערער.

— אט אויף וואס מען דארף אויפמערקזאם מאכען! רופט ער זיך אמאל אב צו מיר, — און אזוי אויפגערעגט האב איך איהם קיין מאל ניט געזעהען, — אט אויף וואס. דערויף, וואס מען פערשיקט אין קאטארגע אויפן גאנצען לעבען. בעשטראפט א מענשען, ווי איהר ווילט, נאר אמאל דארף דאך זיין א סוף דערצו. א מענש האט אבגעליטען אלץ וואס איהם האט געקומט, לאז זיין א סוף דערמיט, גיט איהם אב אלץ צוריק, וואס ער האט געהאט, נעהמט ניט אב ביי א מענשען אויפן גאנצען לעבען אלע רעכטע. ניט שוין דען דארף א גרויסער, א דערוואקסענער מענש ליידען דערפאר, וואס א אינגעל האט אמאל געטאהן?

און אין זיין טאן האט זיך עפעס געהערט א פערזאבטונג צו דעם „אינגעל", וואס האט א מאל „געטאהן".

איך האב געקוקט אויף דעם שרעקליך אויפגערעגטען לאנדסבערג, און האב געקלערט:

אט ווער, הייסט דאס, איז דער „אנדערער", וואס האט „געטאהן".

אט אזא איז דיזער „בעריהמטער" מאן. ווען עס וואלט ניט געשעהען מיט 27 יאהר צוריק דער טראגישער טעות — ווער ווייס, וואס פון קארל קריסטאפאראוויטש לאנדסבערגען — וואלט יעצט געווארען.

ווען א מענש האט אפילו אין סאכאלין געקענט ערווערבען זיך א פערמעגען און זיין מיט לייטען גלייך.

דער זיידע.

דער זיידע.

ליבער, גוטער, טייערער זיידינקע, דו שלאפסט איצטער אויפן קאטארזשנעם בית עולם, אויף דיין קבר שטייט א הילצער-נער צלם, אויפן צלם איז קיין נאמען ניטא, — דו שלאפסט דיין שטילען, אייביגען שלאף. וואס חלומט זיך דיר דארטען נאך דיין לעבען, וואס איז געווען אזוי פול מיט יסורים.

מאטוויי וואסיליעוויטש סאקאלאוו, איז דער „זיידע" פון דער רוסישער קאטארגע.

קיין עלטערער פון איהם איז אין דער גאנצער קאטארגע ניט געווען. ער איז אבגעווען:

— פופציג יאהר ריינע קאטארגע.

און ער האט געהאט נאך:

— איך דארף, ברידער, לעבען דריי מאל אזוי פיעל ווי אלע מענשען, — פלעגט זאגען מאטוויי וואסיליעוויטש, שמייכלענדיג מיט זיין מויך, און וועלכען עס איז קיין איין צאהן ניט געווען. מיך האט מען, ברודער. דריי מאל צוגע'פסק'ענט אויף אייביגע קאטארגע.

נאך אזא איינער איז ניט געווען אין דער גאנצער קאטארגע.

נאכן געזעץ נאך, האט מען אזא שרעקליכען פערברעכער געדארפט האלטען דעם גאנצען לעבען געשמידט אין קייטען, און ווען ער גייט ערגעץ, מוז נאך איהם נאכגיין א סאלדאט מיט א ביקס.

און מאטווײ וואסיליעוויטש סאקאלאוו האט מען ערלויבט ער זאל זיך לעבען אין דער סטאליארנע מאסטערסקאיע, גאר אהן א שום אויפזיכט.

ער האט געשלאפען אויפן ווארסטעט, זומער און ווינטער געחוטעט זיך אין זיין אלטען פעלציל, ציטערענדיג מיט אללע זיינע אלטע ביינער.

— נאר די ביסעל בראנפען דערהאלט מיר מיין חיות! — זאגט דער אלטער, — מען כאפט זיך אויף אין דער פריה, די הענט און פיס — אזוי ווי אבגענומענע; די הארץ פארלייגט, ניטא קיין אטהעם. טרינקט מען אויס א גלעזעלע משקה — איז מען ווייטער א מענש! איך בין, וואשע וויסאקאבלאגאראדיע, א פיאניצע פון דער נאטור!

— מאטווײ וואסיליעוויטש קען ניט ארבייטען דערפאר וויל ער טרינקט פאליטור! — האבען זיך געוויצעלט איבער איהם די אנדערע קאטארזשניקעס, וואס האבען געארבייט אין דער סטאליארנע.

— וואס הייסט ער טרינקט פאליטור

— דאס טרינק איך, רופט זיך אב דער זיידע מיט א שמייכעל, בשעת קיין משקה איז ניטא. די פאליטור שטייט זיך אב, אונטען אויפן דעק בלייבט די גערינבטע און אויבען איז רייננער שפירעט. צומיש איך דאס מיט וואסער און טרינק. עכטע בראנפען. עס הויבט אן אזוי צו לויפען, אזוי צו לויפען איבער אללע גלידער. עפעס אזוי ווי א פייערל. אין די הענד, אין די פיס ווערט ווארים, קום איך צו זיך.

אין ספיטל פיר אלטע, קראנקע קאטארזשניקעס, האט מאטווײ וואסיליעוויטש בשום אופן ניט געוואלט.

— וואס בין איך פיר א באגאדעלשטשיק! זאגט ער, — איך בין א מענש א מאסטעראוואי, איך וועל ארבייטען אין מאס-טערסקאיע.

ארבייטען אבער האט ער ניט געקענט: צו אלט איז ער געווען. האט ער זיך גלאט אזוי „געפארקעט“,

נאר א סטאליער איז ער געווען און אויסגעצייכענטער, א ספעציאליסט. דערפאר האבען איהם אללע אויפזעהער אין אללע טורמעס ליעב געהאט. נאר דערפאר גופא האט ער געהאט מעהר צרות, ווען ער האט געמאכט פליטה. אזא נויטיגער מענש אנטלאפען, — ניט ווילענדיג ווערט מען בייז.

אין דער צייט, ווען איך האב איהם געקענט, האט ער דערלעבט זיינע יאהרען אין מאסטערסקאיע שוין אין רוהיגקייט. אללע האבען איהם גערופען ניט אנדערש ווי „זיידינקע", אדער ביי זיין נאמען און פאטערס נאמען. אללע האבען געהאט פיר איהם עפעס ניט ווילנדיג דרך ארץ: שוין צופיעל האט דיזער מענש אויסגעליטען אויף זיין לעבען.

אלץ וואס ער האט געקענט — די מלאכה, לעזען, שרייבען, האט ער דאס אלץ געלערענט אין דער קאטארגע. ער האט גאר נישט געזעהען אין זיין לעבען אויסער דער קאטארגע. די צייט אליין איז געווען ביי איהם צוטהיילט אין צוויי חלקים: „פאר די שאפאטען" און „נאך די שאפאטען".

אנדערס האט ער ניט געקענט רעכענען די צייט.

— דאס איז נאך געווען פאר די שאפאטען! אז מי האט נאך קיין שאפאטען ניט איינגעפיהרט. דערנאך איז שוין געווארען א מאדע שאפאטען! אזוי האט ער גערעכענט גאר די אמאהליגע יאהרען.

— דאס איז שוין געווען „נאך די שאפאטען!" אז עס איז שוין געווארען א מאדע — שאפאטען! — אזוי האט ער גערעכענט די נעהענטערע יאהרען.

די קנוטע און דער אויסגעברענטער שטעמפעל אויפן לייב — דאס איז אויך געווען פיר איהם א מין צייט־רעכענונג.

— דאס איז נאך געווען פאר דער קנוטע.

— דאס איז שוין געווען נאכן ברענשטעמפעל

אין קאטארגע איז ער אריינגעפאלען אין דער צייט פון פאנשטשינע.

ער איז געווען א לייב־אייגענער, געשטאמט פון א רייכע בויערליכע האנדעלס פאמיליע און האט געוואהנט אין דער

שטאָדט יעלץ. מען האָט געצאָהלט „אויף אָבראָק”, דאָס הייסט אַ טהייל פון דעם יעהרליכען פערדיענסט האָט מען געגעבען דעם פריץ און דאָס איבעריגע גענומען זיך.

אין קאַטאָרגע איז ער אַריינגעפאַלען פאַר הרג'ענען אַ מיידעל.

— אַ פימיאַ האָט מען די מיידעל גערופען. אַ שיינע מיידעל איז אַפימיאַ געוועזען. און איך בין אויך געוועזען אַ בחור — אַ פאַרשוין.

און מאַטוויי וואַסיליעוויטש האָט געשמייכעלט דערמאָהנענדיג זיך, ווי ער איז געוועזען אין דער יוגענד.

— אַ פאַרשוין אַ בחור בין איך געוועזען, אַ שכור בין איך געוועזען, אַ נאַרר בין איך געוועזען, אַ חברה־מאַן. אַ־אַך! האָבען מיר זיך פאַרדרייט. „אַפימיאַ”, — זאָג איך, — „ווילסט חתונה האָבען מיט מיר?” — „איך ווילל!” מאַכט זי. וואָרום פיר איהר איז דאָס געוועזען אַ גוטער שדוך: איך בין איהר געפעללען געוועזען און געוועזען פון אַ רייכע משפחה. נו, האָבען מיר זיך פאַרפלאָנטערט. ביי אונז איז שוין געוועזען אַזאַ מאָדע: חתן כלה „פלאָנטערן” זיך.

— אָבער צו האָסטו, זיידע, איהר ליעב געהאַט?

— איך זאָג דיר, איך האָב איהר ליעב געהאַט אויס די וועלט. אַי ווי איך האָב איהר ליעב געהאַט! אַ נאַר־געוועזען — פערשטייט זיך. האָבען מיר זיך פאַרפלאָנטערט. נו, דאַרף מען שטעללען חופּה. דאָ האָבען זיך דער טאַטע מיט דער מאַמען איינגעשפאַרט מיט די פיס אין באַלקען. וואָרום איך האָב געהאַט אַן עלטערען ברודער; האָט ער אויך אַזוי חתונה געהאַט ווי איך. האָט זיך מיט זיין ווייב פריהער געפלאָנטערט, דערנאָך חופּה געשטעללט, דער טאַטע און די מאַמע האָבען זיך איינגעשפאַרט: ניין! עס מעג אונטערגיין די וועלט! אַן אַקט אַ קאַפּ, דער אַנדער זוהן מאַכט אָן בזיונות: האָט חתונה בשתיקה. מען קען די אויגען ניט ווייזען, אַללע זיהן האָבען חתונה פאַר ליובאָוו־ניצעס! מיר וועלען ניט דערלאָזען, עס מעג אונטערגיין די וועלט! די משפחה אונזערע איז געוועזען אַ רייכע, גרויס ביי זיך!

נײַן און נײַן! פאַר קײַן זאַך אין דער וועלט. איך האָב געפּרובט אײַנרײַדען: אַהער, אַהין, זײַ האַלטען זיך בײַ אײנס: מיר הײַסען ניט! איז גאָר! דאָ האָט זי אַ קוק געטאָהן, אַז קײַן חופּה וועט ניט זײַן, האָט זי אָנגעהויבען מיר טרײַבען פון זיך: גײה. איך דאַרף דיך, מײַנסטו האָבען, מײַנסט איך קען אָהן דיר ניט לעבען? און האָט אָנגעהויבען הוליען מיט אַנדערע. מיר, הײַסט דאָס, אויף צו לְהַכְעִיס. זאָלען, הײַסט דאָס, אַללע זעהען. וואָרום אונזער מִשְׁפָּחָה האָבען אויף איהר גערעדט: „האָט זיך געפּלאָנטערט מיט מאַטווײַען און איצטער, קריכט זי, די לײַדאַצקע, ווערען מיט אונז אַ מְחוּתֶּנֶת'טע! נו. האָט זי הײַסט דאָס געוויזען: אָט נאַט אײַך „ זעהט, ווי איך דאַרף האָבען אײַער מאַטווײַען! און איך בין געקראָכען אויף די וועגט, די וועלט האָב איך צוקעהרט. געגאָסען אויף זיך בראַנפען, — פון דאַמאָלס אָן האָב איך דאָס אָנגעהויבען צו טרינקען. מאַסליאַניצע איז דאַמאָלס געוועזען. בײַ אונז איז געוועזען אַ מאָדע: מײדלאַך מיט בחורים פלעגען זיך גליטשען אויף שליטלאַך באַרג אַראָפּ. קום איך צום באַרג, טו אַ קוק: זי גליטשט זיך מיט אַן אַנדערען פון באַרג, לעבעדיג און פרײליך. שבור בין איך דאַמאָלס געוועזען. קלעהר איך: איך וועל איהם הרג'ענען און מיר וועט דערפאַר גאָר נישט קומען! אָט אַזאַ נאַרר בין איך געוועזען! הערסט. וואָס מיר האָט געקענט אײַנפאַלען: כ'וועל הרג'ענען אַ מענשען און מיר וועט גאָר נישט קומען!

און מאַטוויי וואַסיליעוויטש האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געלאַכט פון דעם יונגען מאַן, וואָס האָט געקענט טראַכטען אַזאַ נאַרישקײַט,

— איך בין אַוועק אַהײם, האָב אַראָבגענומען פון ווענטיל אַ ביקס, קום צוגײן, און האָב זיך צוגעלײגט אָט אַזוי — מאַטווײַ וואַסיליעוועטש האָט געוויזען ווי אַזוי ער האָט זיך צוגעלײט, — פו־או! אַפּימיאַ האָט געגעבען אַ געשרײַ ווי ניט מיט איהר קול און איז געפאַלען. געפאַלען און געשטאָרבען. געקלעהרט האָב איך איהם, און געטראָפען איהר, שכור'ערהײט האָב איך ניט בענומען. דאָ האָט מען מיך געבונדען, דאָ האָבען

זיך אללע פון מיר אבגעזאגט. דער טאטע און די מאמע — א ליכטיגען גן־עדן זאלען זיי האבען — און די ברידער און אללע קרובים. די משפחה איז געוועזען א רייכע, געוועזען גרויס ביי זיך, און פלוצלינג האב איך זיי אנגעטאהן, אלעמען אזא חרפה. א?! אסטראזשניק! וואלט מען עפעס אונטערגערוקט, וואלט געוועזען גרינגער, אבער זיי האבען זיך אבגעטרייסעלט מיט די הענד און מיט די פיס: מיר ווילען ניש קענען דעם אסטראזשניק: — האבען זיי געשריען. ער האט אונז די אויגען פערשווארצט אויפן גאנצען לעבען. האט מען מיך פער'משפט: 10 שמיץ מיט דער קנוטע און קאטארגע, די שמיץ האט מען געגעבען שוין אין מאסקווע, אט דא האב איך ערשט געזעהן מאסקווע, אז מען האט מיר געפיהרט אויף'ן פערד־מארק. זי מוז זיין א שעהנע שטאדט מאסקווע, אבער מיר איז דאמאלסט אין קאפ גיט געוועזען. מען האט מיך אוועקגעזעצט אויף'ן וואגען, מיט'ן רוקען צום פערד און געפיהרט און ארום איז אן עולם! א ס'ארא עולם ס'האט זיך געשאטען ארום. אינגלאך לויפען נאך'ן וואגען, קוקען זיך איין, טייטען אויף מיר מיט די פינגער. איך ווייס ניט וואו זאל איך זיך אהין טהאן. קרעמער געהען ארויס פון די קראמען, קוקען זיך איינ'עט, אנדערע ווארפען געלד אין וואגען. דער הענקער איז מיט מיר געפאהרען אויף'ן וואגען, האט ער אויפגעקליבען. „דאס איז פיר דיר", — זאגט ער. איך בוק זיך.

מען האט מיך געבראכט צו פיהרען אויף'ן פערד־מארק. דער טאג איז געוועזען א מארק טאג. א'ן עולם איז געוועזען א מורא'דיגער. דאמאלסט זענען נאך קיין שאפאטען ניט געוועזען. דאס האט מען שוין דערנאך איינגעפיהרט שאפאטען, מען האט אנגעהויבען „סטראמירען" (אנטהאן בזיונות). און דאמאלסט האט מען גאך ניט סטראמירט. מען האט פשוט אוועקגעלייגט און אבגעקאטעוועט, האט מען מיך אוועקגעלייגט און דא האט דער הענקער מיך גענומען שינדען מיט דער קנוטע! פיעל מאהל האט מען מיך געשמיסען; געקאטעוועט מיט'ן קאנטשיק, און מיט שטעקענס, און מיט ריטער, און מיט קאט־

ליעס (דער גראָבער זײַט רוט) אָבער קײן זאַך האָט ניט אַזוי װעה געטהאָן װי די קנוטע!

און אָט דער מענש, װאָס האָט אײַנגענומען אויף זײַן לעבען טױזענדער קאַנטשוקעס און שטעקענס און ריטטער אָהן אַ צאָהל און אָהן אַן עק, איז אַ פאַרצײַטערטער געװאָרען אין 50 יאָהר אַרום, דערמאָנהנענדיג זיך אויף די 10 שמיץ מיט דער קנוטע,

װאָס זשע איז דאָס געװען פאַר אַ שטראָף?

— איך האָב געמײנט — איך װעל ניט איבערלעבען! אַזוי װי מען װאָלט מיך שמײַסען אַ יאָהר נאָכאַנאַנד. און דער עולם אַרום שיט אַלץ געלד, שיט געלד. מען האָט מיך אַראָבגענומען פון קלאָץ, אַװעקגעלײגט אין האָספיטאַל, און דערנאָך, אַז איך בין אָבגעלעגען אַ צײַט, האָט מען מיך אַװעקגעשיקט מיט'ן עטאַפ אין קאַטאָרגע. „מוטאָסנע" (פאַסקודנע, אומעטיג) איז מיר דאַמאָלסט געװען, כאָטש בראָנפען אַ קאַפ, אָבער װאו קריעגט מען? קײן מְלָאכָה האָב איך ניט געװאוסט, פערדיענען איז ניטאָ װאו, מאַכט צו מיר אַ חָבֵר: װילסטו, װעט זײַן געלד? װיפיעל דו װילסט אַלײן. מיר װעלען אַלײן מאַכען, איך האָב נאָר געדאַרפט בראַנפען אַ ביסעל. האָט ער מיר מְכַבֵּד געװען, האָבען מיר געמאַכט געלד. מען האָט אונז געכאַפּט און פער־מִשְׁפָּט צו שטעקענס, איהם, װײַל ער איז געװען דער גאַנצער מאַכער, האָט מען גע'פסק'ענט אָהן אַ דאָקטאָר און מיר מיט אַ דאָקטאָר.

— װי הײסט דאָס — אָהן אַ דאָקטאָר?

— אָט אַזוי איז דאַמאָלסט געװעזען. מען שטעלט אוים סאָלדאַטען, צװײ שורות, מיט שטעקענס, מען בינט צו צו אַזאַ װעגיל און מען פיהרט, און זײ — מיט די שטעקענס איבער'ן רוקען ררראַז! ררראַז! און אַזוי פיהרט מען ביז מען בעקומט אַלץ, צו װאָס מען האָט פער'מִשְׁפָּט. ער ליעגט שוין אַ טויטער, און זײ עם אַלץ — ררראַז, ררראַז! װאָרום דאָס איז אָהן אַ דאָקטאָר. און אויב מיט אַ דאָקטאָר — גײט דער דאָקטאָר נאָך בײַ זײַט. זעהט ער, אַז דער מענש הױבט אָן צו בלײַבען

אין חַלָשות, זאָגט ער: „שטעהט! גיט אַ שמעק טהאָן שפּירעט, — און דערנאָך הויבט מען וויטער אָן. נעהמט פאַר'ן האַנד, גיט אַ קוק אויף'ן זייגער: „מען קען, — זאָגט ער נאָך אַ הונדערט!" און אַז ער זעהט אַז דער מענש איז שוין גאָר פלאָבע, הייסט ער אָבשטעללען — אַלץ מיט אַנאַנדער און מען פיהרט אַוועק, דעם מענשען אין האָספּיטאַל. דער מענש ליעגט אָב דאָרטען אַ ביסעל ווערט געזונד, פיהרט מען איהם ווייטער אָבנעהמען זיינם. אָט אַזוי טהוט מען ביז ער האָט בעקומען די גאַנצע פּאָרציע. אַ חבר מיינער, אַ ליכטיגען גן עדן זאָל ער האָבען, יענער איז גלייך, אָהן אַ דאָקטאָר הייסט דאָס, געשטאָרבען אויף'ן אָרט. און מיך האָט מען כּמעט אַ גאַנצען יאָהר געשמיסען ביז מען האָט מיר אָבגעגעבען אַלץ, וואָס מיר האָט געקומט. אַזוי בין איך אַ יאָהר אויסגעלעגען זיך אין האָספּיטאַל. איך ליעג זיך אוים, גיט מען ווייטער.

דערנאָך האָט מאַטוויי וואַסיליעוויטש שטעקענס, קאַנטשיקעס און ריטטער בעקומען גאָר אָהן אַ צאָהל.

— אויף'ן גראָז פלעג איך אַלץ געהן! האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

— וואָס הייסט אויף'ן גראָז?"

— אָט אַזוי. ווינטער איז נאָך ניט קשה, מאַטער איך זיך אין טורמע. קומט אָבער וועסנע (פריהלינג), ציהט מיך אויף'ן גראָז. אַנטלויף איך. אָט אַזוי בראָדזשע איך אַרום דעם גאַנצען זוממער ערגעץ וואו, פערדינג זיך פיר אַן אַרבייטער. קומט אָסיען, איז אומעדיג, געה איך צוריק אין טורמע, צו די חברים. גיט מען מיר באַלד קאַנטשיקעס, אָדער שטעקענס, און מען לייגט צו יאָהרען.

אָט אַזוי, אָבציהענדיג, ווי עס קומט זוממער, „אויף'ן גראָז", האָט מאַטוויי וואַסיליעוויטש זך אָנגעלעבט דריי אייביגע קאָטערגעס.

— און די מאַניפעסטען האָבען דיר גאָר ניט אַרונטער-געגונייען? פרעג איך.

— וואָס זענען פאַר מיר די מאַניפעסטען? איך האָב דריי איבּיגע קאַטאָרגעס.

אַלץ, וואָס אין דער וועלט איז געשעהן, איז געגאַנגען פערביי דעם דאָזיגען מענשען. ער האָט נאָר געוואוסט טורמע, קאַנטשיקעס און ריטטער. אָט אַזוי האָט ער געלעבט: ביינקענדיג אין וועסנע נאָך דער פריי. און קומענדיג אין אָסיען צוריק אין טורמע!

— פאָרט גיט מען עסען!

אויסער זיינע פליטה׳ס אָהן אַ צאָהל, האָט מאַטוויי וואַסיליעוויטש ניט געהאַט אויף זיך קיין שום חטאים.

אַ מענש איז ער געווען — די עהרליכקייט אַליין. די בעאַמטע אַליין פלעגען איהם געבען געלד, און אָפטמאָהל, גרויסע סומען געלד, אום צו קויפען מאַטעריאַלען, און ער האָט קיין מאָהל ניט אַראָבגעלאָזען אין קעשענע אַ קאָפּיקע.

— און פליטה פלעג איך מאַכען, אַפילו ווינטער אויך אַמאָהל, און אַלץ צוליעב בראַנפען! אַ ניכטערער — נישט קשה, און ווי איך טרינק זיך אָן, איז ביי מיר די ערשטע זאַך מאַכען פּליטה. אַנטלאָפען, אָנגעטרונקען זיך און — אַריינגעפאַלען! אַ פּיאַניצע בין איך, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע!

צוליעב בראַנפען האָבען מיר זיך מיט מאַטוויי וואַסיליעוויטשען צוקריעגט.

מיר זענען געווען גרויסע גוטע פריינד, איך מיט איהם. וויפיעל מאָל פלעג איך, אַן אויסגעמאַטערטער פון סאַבאַלינער הוילקייט, סאַבאַלינער פערצווייפלונג, פרעגען ביי זיך אַליין: איז פאַראַן דען אַ מאָס צום מענשענס ליידען און צום מענשענס געזונקענהייט? מורא האָבענדיג איך זאָל ניט אַראָפּ פון מוח פון די שרעקליכע מעשׂים וואָס אַרום האָט זיך צו טהאָן, פלעג איך קומען אָט צו דעם אַלטען און ביי מיר פלעגט אָבגעהן די האַרץ פערברענגענדיג מיט איהם אַ שעה, די אַנדערע. אַלץ האָט ער איבּערגעלעבט, אַלץ האָט ער אויסגעליטען, — און זייענדיג שוין גאָר אַן אַלטער מאַן, האָט ער אויף אַלץ געקוקט. וועגען אַלץ דערמאָהנט מיט אַ גוטהערציגען שמייכעל. וויפיעל מאָל, קוקענ-

דיג אויף דיעזען ליבהארציגען, זאנפטען שמייכעל פון דעם מענ-שען, וואס זיין גוף און זיין נשמה האבען מעהר ווי א הלב יאהרהונדערט אויסגעשטאנען אזעלכע יסורים, האב איך זיך אליין געפרעגט: — איז דען פאראן א מאס צו די דולדזאמקייט און גוטסקייט פון א מענשענס נאטור?

די פריינדשאפט מיינע מיט מאטוויי וואסיליעוויטשען האט זיך אונטערגעהאלטען דורך קליינע טובות, וואס איך פלעג איהם אפט מאהל טהאן. אללע אין דער פריה, פלעגט מאטוויי וואסיליעוויטש קומען צו מיר אין די קעכין פלעגט איהם דארפען אונטערטראגען א טיי-קוביקעל בראנפען, דוקא א קוביקעל — דאס איז געוועזען זיין מאס.

א מאהל פרעג איך:

— איז געוועזען דער זיידע?

— ניקאק ניעט'ס, — האט געענטפערט די קעכין, — שוין עטליכע טעג. אז ער קומט ניט.

איך בין אוועק חוקר ודורש זיין: וואס איז די מעשה? אפשר איז ער קראנק געווארען? מאטוויי וואסיליעוויטש האט מיר מקבל געוועזען מיט א טרוקענעם גוט מארגען, עפעס אזוי ווי ניט ווילענדיג.

— וואס איז דאס מיט דיר, מאטוויי וואסיליעוויטש, פאר וואס ביסטו אויף מיר ברוגז?

— אט... מאלע וואס... גאר נישט...

— אבער זאג, וואס איז די מעשה?

— מאלע וואס! אז דו האסט פיר מיך, פיר'ן אלטען, געזשאלעוועט א טיי קוביקעל בראנפען, טו וואס איז שוין...

עס ווייזט זיך ארויס, אז די קעכין, א בייזע און נארישע באבע, האט פלוצלונג — איך ווייס ניט פאר וואס — אנשטאט זיין געוועהנליכען טיי-קוביקעל, אונטערגעטראגען מאטוויי וואסיליעוויטשען א קעלישאק.

— אלע טרינקען פון א קעלישאק, און דו, וואס ביזטו פאר א פרינץ א זעלבער! א פוללע בעלנים וועלען זיך דא גע-פינען פון אייערע לייט צו זויפען בראנפען מיט א טיי קוביק.

מאַטווייַ וואַסילִיעֶוויִטש האָט נִיט געֶוואָלט נעֶהמעֶן און אִיז אַוועֶק ברוגז.

— מײַן גאַנצעֶן לעֶבעֶן — זאָגט עֶר — האָב אִיךְ געֶטרונקעֶן מִיט אַ קוּבִּיק.

און בײַ אִיהם אִיז געֶבּלִיבּעֶן, אַז דאָס האָב אִיךְ אָנגעֶהויבעֶן צו זשאַלעֶוועֶן פִיר אִיהם דעֶם בּראָנפּעֶן.

— מאַטווייַ וואַסִילִיעֶוויִטש, אִיךְ שוועֶר דִיר בּײַ גאָט, אַז אִיךְ האָב אֲפִילוּ נִיט געֶוואוּסט דעֶרפוּן! קוּם צו געֶהן, אִיךְ וועֶל דִיר אַוועֶקשטעֶלעֶן אַ קוואָרט, טרִינק כאָטש גלעֶזעֶר ווײַז — געֶזונטעֶר הײַט!

— נײַן, וואָס'ל אִיךְ שוין... האָט געֶזשאַלעֶוועֶט... אַ קוּבִּיקעֶל בּראַנפּעֶן געֶזשאַלעֶוועֶט... און אִיךְ... צוּלִיעֶב אִיהר. צוּליעֶב דִי בּראָנפּעֶן, מאַטעֶר אִיךְ זִיךְ דעֶם גאַנצעֶן לעֶבעֶן און קאַטאָרגעֶ... און דוּ האָסט מִיר אַ קוּבִּיקעֶל געֶזשאַלעֶוועֶט...

און בּײַ דעֶם אַלטעֶן אויף דִי אויגעֶן זעֶנעֶן געֶשטאַנעֶן טרעֶהרעֶן. עֶר האָט אַפִילוּ מִיר נִיט געֶוואָלט אָנקוּקעֶן אִין פּנִים.

אַז מאַטווייַ ווייַסִילִיעֶוויִטש האָט געֶפִיהלט, אַז דעֶר טויט אִיז נאָהעֶנט, אִיז עֶר געֶקוּמעֶן אִין אַלעֶקסאַנדראָווסקי לאַזאַרעֶט און האָט געֶפרעֶגט דעֶם עֶלטסטעֶן דאָקטאָר.

— אִיךְ בִּין געֶקוּמעֶן צו דִיר שטאַרבּעֶן, דוּ זאָלסט אַלײַן דִי אויגעֶן מִיר צוּמאַכעֶן, לעֶאָנִיד וואַסִילִיעֶוויִטש.

— עֶ, וואָס רעֶדסטוּ, זײַדִינקעֶ, דוּ וועֶסט נאָךְ הײַנטִיגעֶן יאָהר געֶהן „אויפ'ן גראָז!"

— נײַן, בּרוּדעֶר, „אויפ'ן גראָז" וועֶל אִיךְ שוין מעֶהר נִיט געֶהן

— וואָס־זשעֶ טהוּט דִיר וועֶה? וואָס? הא?

— נײַן, וועֶה טהוּט מִיר גאָר נִישט. נאָר אִיךְ פִיהל, אַז דעֶר טוידט קוּמט אוּנטעֶר. נעֶהם שוין דוּ, לעֶג מִיךְ אַוועֶק בּײַ דִיר... און דִי אויגעֶן זאָלסטוּ מִיר אַלײַן צוּמאַכעֶן, לעֶאָנִיר וואַסִילִיעֶוויִטש!

דעֶם אַלטעֶן'ס וואוּנש אִיז עֶרפִילט געֶוואָרעֶן. צוויי טעֶג אִיז עֶר אָבּגעֶלעֶגעֶן אִין האָספִּיטאַל: דִי דאָקטוירִים און אַלעֶ

זוֹאס דיִענען דאָרטען האָבען איהם צוגעזעהן, דער-לאַנגט, געטהאָן אַלץ וואָס ער האָט געבעטען, נאָר געבעטען האָט ער וועניג. אויפ'ן דריטען טאָג איז ער געשטאָרבען שטיל, אָהן א וועהטאָג, אַזוי ווי ער וואָלט אַנ[illegible] געוואָרען

א הספד נאָך דער טאַטשקע.

א הספד נאך דער טאטשקע.

קיין אונזיננינערע זאך אויף דער וועלט איז ניט געווען ווי דער „טאטשקעניק”.

וואוהין דער מענש זאל ניט געהן, שטופט ער פאר זיך אימער די טאטשקע.

מען וואלט געקענט מיינען, אז דער מענש איז פון זיננען אראב, אדער ער מאכט זיך מיט א כיוון משוגע, ווען ניט דער בראזשג פון די קייטען.

די טאטשקע איז צוגעשמידט געווען אויף א לאנגע קייט צו די לענדען פון'ם טאטשקעניק.

צו דער טאטשקע האט מען צוגעשמידט אויף א צייט ביז דריי יאהר. אויב ער האט זיך נאך א מאל פערדיענט, איידער זיין טערמין איז פערלאפען, האט ער נאך די דריי יאהר בעקומען נאך דריי יאהר טאטשקע פיהרען. עס זענען געווען אזעלכע קאטארזשניקעס, וואס האבען געפיהרט די טאטשקע 9 און זאגאר 12 יאהר נאנאנאנד.

12 יאהר זיין צוגעשמידט צום וועגיל!

אין דעם איז געלעגען עפעס אזוינס וואס איז זאגאר געווען אונמעגליך צו פערשטיין.

א מענש, וואס איז אזוי אויך געשמידט אין קייטען —

צושמידען איהם נאך צו דער טאטשקע, דאס הייסט ארײנלאזען א פלאקען דעם טוידטען ווען ער איז אין קבר.

דאס שמעקט גאר ניט מיט אונזער צייט.

ווען מען האט א מענשען אבגעשמידט פון טאטשקע, פלעגט ער א לאנגע צייט ניט קענען אײנהאלטען אין די הענד א קענדיל וואסער. ער פלעגט זי מוזען אויספליעסקען.

ער איז אזוי געוואהנט געווען צו מאכען זעהר שטארקע בעוועגונגען.

די גאנצע צייט. ווי לאנג ער איז געווען צוגעשמידט, האט איהם יעדע בעוועגונג געקאסט גרויס אנשטרענגונגען.

דאס איז געווען אין אמת'ן, איינע פון די שווערסטע קערפערליכע בעשטראפונגען.

ניט קלענער איז געווען די פייניגונג מאראליש.

דער טאטשקעניק פלעגט שלאפען אין דער קאטארזשנער טורמע בעזונדער, אויף א בעזונדער „נארע" אין ווינקעל.

כדי ער זאל זיך קענען „איינמאשטשען" צוזאמען מיט דער טאטשקע.

אליין האט ער געשלאפען אין די קייטען און די טאטשקע אונטער'ן באנק.

די קאטארזשניקעס האבען פאר מיר אין די אויגען אונטער-געשפאסט פון זייער חבר, וועלכען מ'האט מיט א קורצע צייט צוריק אבגעשמידט פון טאטשקע.

ער פלעגט שלאפען ביי טאג נאך אלץ אויף זיין בעזונדער נארע".

— שטעה אויף, מ'רופט דיך אין קאנצעלאריע! האט איהם איינער געוועקט.

דער אונגליקליכער איז אויפגעשפרונגען און נאך כמעט פון שלאף איז ער גלייך געקראבען מיט דער האנד אונטער דער נארע נעהמען די טאטשקע.

אזוי איז צוגעוואקסען צום מענשען די טאטשקע.

דער טאטשקעניק האט מיך צוגעפיהרט צו זיין פלאטקע וואו ער האט געשלאפען,

— גיט אַ קוק, דאָ איז אַ רינגע! דאָס האָב איך מיט מיין קויט אויסגעריבען די גרוב.

אין דיזער רינגע, וואָס די קויט האָט זי אויסגעריבען איז ווירקליך עטוואָס שרעקליכעס.

— די האַלץ האָט ניט אויסגעהאַלטען, און דער מענש? דאָס אַלעס האָט נאָר געצייגט אַז פון אַלץ וואָס אַ מענש האָט, האָט ער מעהר פון אַלץ, געדולד.

נאָר „מענשען אויפן קויט" זענען געווען אמת'ע „מענשען אויפן קויט".

— געהט ניט אַהין — דאָרטען זענען טאַטשקעניקעס, פלעגען מיך וואָרנען די אויפזעהער.

דער „טאַטשקעניק" איז געווען די „חיה פון טורמע.

דער וועגעל פלעגט אָנטאָהן שטענדיגע יסורים און פלעגט אויסדרייען די נערווען.

— ווייל מען זיך אַ ריהר טאָהן — איז מען צוגעבונדען נעהם פריהער די טאַטשקע און שטופּ זי.

איך האָב נאָר איינמאָהל געזעהען אין וואָס פיר אַ ווילדען צורייצטען צושטאַנד עס קען קומען אַ מענש.

דאָס איז געווען אַ טאַטשקעניק, אַ אונגעהייער גרויסער קאַלמיק, אַ הויכער מיט ברייטע פּלייצעס — אַ שמשון הגבור.

נאָר אַ פערטען יאָהר שטופען די טאַטשקע, דאָס איז געווען שווער אפילו פיר אַ שמשון הגבור.

ער האָט אָבגעפיהרט זיין טאַטשקע דריי יאָהר און מען האָט איהם געמעלדעט:

— נאָך דריי יאָהר

ער האָט זיך געטרייסעלט פון קאָפּ ביז די פיס, געקלאַפּט מיט דער מאַטשקע אָן דער ערד און געראָוועט:

— וואָס בלייבט מיר איצטער צו טאָהן? אַ לאָז טאָהן דעם ערשטען, וואָס וועט זיך מיר אונטערדרייען אונטער די הענד, אָט מיט דער זעלבער טאַטשקע איבערן קאָפּ. זאָלען זיי מאַכען אַ סוף צו מיינע יסורים. אַ לאָז טאָהן?!

א זעלכע משוגענע אויגען קען מען זעהן נאר ביי א זעלכע וואהנזיניגע, וואס שלאגען זיך פון היץ.

און דער סמאטריטעל האט אזש נאר „אך" געשריען.

— סטייטש ווי ערוועגט איהר זיך צו געהן נאהענט צו איהם? צו די טאטשקעניקעס טאר מען ניט צוגעהן נאהענט — חיות ניט זיכער! זיי זענען צורייצט.

יעצט וועט פון דעם לעבען, וואס איז פולל מיט פלאג און יסורים, פערשוואונדען ווערען אט די לעצטע סטראשידלע, וואס האט געמאכט פון מענשען ווילדע חיות; פערשווינדען וועסטו אויך, דו קלײנע הילצערנע זייפשיסעלע, און אלטער טעמפער גאלל מעסער, וואס זענען געלעגען אין ווינקעל, אויפן פאליצקע, אין הענקערס קעמעריל.

אז מען פלעגט ארוף טאהן דעם הענקער, פלעגט ער נעהמען מיט זיך די קנוטע, א גרויסען בונד ריטער, די זייפשיסעלע און דעם גאלל מעסער.

ער זאל זיין גרייט מיט אלע געצייג אין יעדען פאל. טאמער דארף מען שמייסען, צו גאללען די קאפ.

מען דארף ווייניג קענען די קאטארגע אום צו פערשטעהען, ווי טיעף עס האט געמוטשעט די קאטארזשניקעס די דאזיגע אפעראציאן: דער גאלען א האלבע קאפ מיטן הענקערס האנד.

דאס איז געווען מיט אן אמת. צונעהמען פון א מענשען זיין מענשליכע געשטאלט.

די סמאטריטעלס פלעגען טאקע אזוי סטראשען:

דעם „פנים פון א מענשען" וועל איך ביי דיר אבנעהמען: אבגאלען וועל איך דיר.

א האלב געגאלטע קאפ האט ווירקליך געגעבען דעם מענשען א שרעקליכע געשטאלט די געשטאלט פון א חיה.

אין אדעם אויפן שיף, הינטער די גראטעס זענען געזעסען עכטע חיות.

מיר האבען נאך קיין צייט ניט געהאט צוצוקוקען צו קאנסטאנטינאפאל, איז שוין הינטער די גראטעס ניט געווען ניט

אין האַלב געגאָלטע קאָפּ אַלע קעפּ זענען געווען אָבגעגאָלט אין גאַנצען:

— דאָס איז בײַ זײַ די ערשטע זאַך! האָבען מיר ערקלעהרט די אָפיציערען פון שיף. ברעכען אָב שטיקלעך אײַזען פון די קײטען, שאַרפען דאָס אָן, אַנדערע קריגען שטיקלעך בלאַך פון בלעכענע פושקעס און שאַרפען דאָס אָן, אָדער, נאָך בעסער, איז, צובראָכענע שטיקלעך גלאָז, און באַלד נעהמען זײַ זיך גאָלען דערמיט די גאַנצע קאָפּ עס געפינען זיך שוין בײַ זײַ פאַריקמאַכערס און מען הובעלט אַזוי אָב אַלעמען, מען זאָגט: עס נעהמט זײַ עקעל און אַ שרעק צו קוקען אײנער אויף דעם אַנדערען.

בײַם האַלבען וועג זענען די האָר בײַ די אַרעסטאַנטען אָבגעוואַקסען. הינטער די גראַטעס זענען אַנשטאַט „חיות” געזעסען מוזשיקעס, אַרבײַטער, געוועהנליכע מענשען, פשוטער המון.

זײַ זענען דאָך גאָר ניט אַזוי שרעקליך! האָט זיך געוואונדערט אַ פּאַסאַזשירקע, אַ קוק טאָהענדיג אויף די אָבגעוואַקסענע אַרעסטאַנטען.

— אָט וואַרט אַ קאָפּ, דאָרטען אין סאַכאַלין וועט מען זײַ אויף זומער לכבוד דעם „פּליטה סעזאָן” ווידער אָבגאָלען די קעפּ דאַמאָלס וועט איהר ניט זאָגען אַז ס'איז אויף זײַ ניט קײן מורא צו קוקען.

צווישען די סמאַטריטעלס האָבען זיך געפונען זאַגאַר גרויסע קינסטלער אין דעם פאַך פון גאָלען די קאַטאָרזשניקעס.

מיר האָט דערצײלט אַן אַלטער סמאַטריטעל פון אַ סיבירער טורמע.

— איך האָב געהאַט אין דער קאַרסקער טורמע אײנעם אַזאַ מין סאָרט מערזאַוועץ פון די איוואַנעס. (די גרעסטע עזות פּנים'ער פון דער קאַטאָרגע), אויף זײַן וואָרט האָט ער געשוואָרען, דעם עהרליכען וואָרט פון אַ אַרעסטאַנט האָט ער געגעבען, אַז ער וועט ניט מאַכען פּליטה. וואָס מײנט איהר? געמאַכט אַ ניבֿרח! מען האָט איהם אָבער געכאַפּט, די קאַנאַליע! נו, „וואָס זאָל איך מיט דיר יעצט טהאָן, דו פּאָדליעץ?” אַ וואָרט

האָסטו געגעבען, אַן עהרליך וואָרט פון אַ אַרעסטאַנט און ניט געהאַלטען, דערפאַר קומט דיר אַ שטראָף גאָר אַ בעזונדערע, שמייסען? איז ביי איהם די הויט ווי אַ ברעט: עס אַרט איהם ווי די וואַנד. אין קייטען שמידען? דעם גאַנצען לעבען געהט ער אין קייטען. זעצען איהם אויף ברויט און וואַסער? האָט ער אין דער „טאַיגע“ נאָך דאָס אויך ניט געגעסען. וואָסער שטראָף קען איהם נעהמען? איך האָב געקלעהרט, געקלעהרט און געפונען! „אָבגאָלען וועל איך איהם!“ ווי שטעהט אין זאַקאָן? „אָבגאָלען אַ האַלבע קאָפּ“. אויסגעצייכענט! מען גאָלט די האָר. און די באָרד, און די וואָנצעס, און די ברעמען, הייסט דאָס ניט, די „קאָפּ“? ווי דאַרף מען פערשטעהן די „האַלבע קאָפּ“ וואָס שטעהט אין געזעץ? מען קען אַזוי פערשטעהן און מען קען אַזוי פערשטעהען. „נו, זאָג איך, איך קען מיט דיר גאָר ניט מאַכען, וועל איך דיר נאָר אָבגאָלען נאָך'ן געזעץ נאָך. און האָב אָבגעגאָלט! אַ האַלבע קאָפּ. איין וואָנץ, אַ האַלבע באָרד, איין ברעם — אָט אַזוי האָב איך געהייסען איהם אָבגאָלען. ווי מען האָט איהם אָבגעגאָלט, פערשטייט איהר מיך, האָב איך זיך אַליין דערשראָקען: אַזאַ סטראַשידלע האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געזעהן. אין טורמע האָט מען איהם געבראַכט, איז די טורמע פערטרייסעלט געוואָרען, די אַרעסטאַנטען האָבען זיך גענומען בעטען: „זעצט איהם אַוועק בעזונדער. ס'איז אַ מורא אויף איהם צו קוקען“. וועט איהר גלויבען, אַפילו צו חלום איז ער מיר געקומען. אַזאַ שרעקליכער פּנים. איך האָב איהם געגעבען אַ שפּיגעל: „נאַ, טו אַ קוק!“ האָט ער אַ קוק געטהאָן און איז געפאַלען אין חלשות, ניין, איהר קענט זיך אַפילו ניט פאָרשטעלען ווי שרעקליך עס ווערט דער מענש! איך האָב איהם אַריינגעזעצט איז קאַרצער איך זאָל ניט זעהן ביז ער וועט אָבוואַקסען.

— נו, און וואָס — ער?

— אַנטלאָפען. דעם אויוועך צובראָכען און ווידער געמאַכט פּליטה. נאָר לאַנג איז ער ניט פערלאָפען. דאָ דאַביי, אין וועלדל האָט מען איהם געפונען. ער האָט זיך אויפגעהאַנגען.

וואָהין וועט ער זיך רוקען מיט אזא סטראַשידלע, אַ פּנים? ניין, ברודער, אזוי וועסטו שוין ניט לויפען.

* * *

שווער איז דאָס אַליין צו דערמאָנען, שווער צו דערציילען.
נאָר מען דאַרף, מען דאַרף צוליעב דעם, אַז מענשען זאָלען וויסען וואָס די קנוטע, די טאַטשקע און די „האַלבע קאָפּ גאָלען" איז געוועזען.
דאָס זיינען דריי פון דער קאַטאָרגעס שרעקען.

דער פּאָטער־מערדער.

דער פּאַטער־מערדער.

קליינע און זעהר אַ ריינליכע קאַמערעל. ביים פענסטער זיצט אַן אַלטער מאַן מיט ברילען אויפ'ן נאָז, מייסטרעוועט מיט דער נאָדעל, און בורטשעט אונטער פאַר זיך עפּעס אַ „הייליגען" נגון.

בשעת מיר זענען אַריין, איך מיט'ן דאָקטאָר ל. (מיר זענען אַרומגעגאַנגען מיט איהם ניט נאָר די אַרעסטאַנסקע קאַזאַרמעס, נאָר אויך די הייזער פון די פרייע קאַטאָרזשניקעס, וואָס לעבען ניט אין טורמע) בשעת מיר זענען אַריין, איז דער אַלטער אויפגעשטאַנען, האָט זיך טיעף פאַרנייגט, ניט ווי דער מנהג איז אין קאַטאָרגע, און האָט געזאָגט:

— מילאָסטי פראָשו (איך בעט הארציג) ניקאָלאַי סטעפּאַנאָוויטש, זייט מוחל קומט אַריין.

דעם דאָקטאָר ל. וועלכען די גאַנצע קאַטאָרגע האָט טאַקע פשוט פאַרגעטערט פיר זיין גוטע מענשליכע בעהאַנדלונג האָט דער אַלטער געקענט.

מיר האָבען זיך געזעצט און האָבען איהם געבעטען, ער זאָל זיך אויך זעצען.

— ניין, אַ גרויסען דאַנק, זייט זיך ניט מטריח, איך קען בעשטעהן.

— אָבער זעץ זיך, אַלטער!

— ניין, ניין, זייט זיך ניט מטריח. איך דאַנק אייך זעהר.

דער אַלטער האָט געהאַט אַ מאָדנעם הדרת פּנים, אַ געווען אַן אויסגעצייכענטער, סימפּאַטישער מענש. גערעדט האָט ער שטיל, עפּעס מיט אַ ווייכע האַרציגקייט. געשמייכעלט האָט ער מיט אַ שמייכעל, אין וועלכען עס איז געלעגען עפּעס אַ מין שמערץ און אַ מין שולדיגקייט.

— ביזט אַ פּאָסעלענעץ. (אַ פרייער איינוואוינער פון סאַכאַלין) וואָס?

— ניקאַק ניעט! קיין פּאָסעלענעץ קען איך קיין מאָל ניט זיין. איך בין אַן אייביגער קאַטאָרזשניק. נאָכ'ן געזעץ נאָך, טאָר מען מיך אַפילו קיין מאָל ניט אַרויסלאָזען פון דער פּראָוואָרמע.

אזא שטראָף קומט נאָר פיר איין פערברעכען.

— פאר וואָס־זשע קומסטו אַהער?

— פאַר'ן טאַטען. אַ פאָטער־מאָרד האָב איך בעגאַנגען.

— לאַנג ביזטו אין קאַטאָרגע?

— דער פופצעהנטער יאָהר.

— ווי אַלט זשע ביזטו?

— איין און זעכציג.

— הייסט דאָס, בשעת דו האָסט דאָס געטאָהן ביזטו אַלט געווען...

— אַרום פופציג יאָהר בין איך אַלט געווען.

— און וויפיעל איז אַלט געווען דער טאַטע?

— דעם טאַטען איז געווען איבער זיבעציג.

אַ פופציג יעהריגער זקן, וואָס הרג'עט אַ זיבעציג יעהריגען טאַטען, וואָס פאַר אַ אונגעוועהנליכע טראַגעדיע?

— ווי זשע קומט דאָס? פאַר וואָס?

דער אַלטער האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ. האָט אַ ביסעל געשוויגען, דערנאָך האָט ער אַ זיפץ געטאָהן און געזאָגט שטיל:

— אַפילו דערציילען איז מיר אַ חרפּה. נאָר פיר אייך, ניקאָלאַי סטעפּאַנאָוויטש, וועל איך ניט פערשווייגען. דאָס האָט זיך אָנגעהויבען נאָך פון לאַנג, פון די יונגע יאָהרען. אָט פון

וואַנעןָ. אַ חרפ'אָטניק איז ער געווען, מײַן טאַטע. גרויסע זינד מײַנע, אָבער איך האָב קײן חרטה ניט. ווי איהר ווילט, אַזוי קלערט וועגען מיר.

און ער האָט דאָס געזאָגט אַזוי געלאַסען, וויך: אַז ער האָט גע'הרג'עט דעם מאַטען און האָט קײן חרטה ניט.

— לאַנג האָט זיך דאָס שוין אָנגעהויבען, — מײַנע הערען, — באַלד נאָך מײַן חתונה. בויערען זענען מיר געווען געלעבט ניש־ט־קשה, געהאַט אַפילו פרעמדע פאַראָבקעס. חתונה געהאַט האָב איך נאָך מײַן גוסט. און מאַריע האָט מיך אויך ליעב געהאַט. מאַריע האָט מען זי גערופען, מײַנע, הײסט דאָס, אַ ליכטיגען גן עדן זאָל זי האָבען. אין שטוב איז בײַ אונז געווען פון כל טוב, מיר האָבען געלעבט, אַז בעסער דאַרף מען ניט. מאַריע'ן האָבען אַלע אין שטוב ליעב בעקומען. איך האָב דאַמאָלס געדאַרפט האָבען אַן אויג. דער טאַטע איז געווען צו גוט צו מאַריען. איז ער געפאָהרען אין שטאָדט, פלעגט ער בריינגען אַלעמען פרעזענטען און מאַריען, נאָר אַ בעזונדערען. ניט שײן איז דאָס בײַ אונז אויפ'ן דאָרף, אַז דער שווער איז צו דער יונגער שנור צו גוט. עס פאַסט ניט. אָבער האָב איך דאַמאָלס עפּעס געוואוסט? איך האָב מיר געקוקט און געקליבען פערגעניגען, וואָס מאַריע איז עפּעס אַזוי צוגעפאַסט צום שטוב, וואָס אַלע האָבען איהר ליעב. נאָר עפּעס האָט זיך מיר אָנגעהויבען צו וואַרפען אין די אויגען. עפּעס איז דער טאַטע צו גוט. עפּעס אַזוי גוט, אַזוי גוט! און געווען איז תמיד דער אַלטער אַ שטרענגער, אַ שגעון. אַלעמען האָט ער געהאַלטען אָט אַזוי, אַז אַ קול האָט מען פאַר איהם ניט געטאָרט אַרויסלאָזען... ליעג איך אַ מאָל אַזוי אין שײַער, — מאַטט בין איך געווען, האָב איך זיך צוגעלײַנט בײַ טאָג אָברוהען אַ קאַפּ, — ערשט איך הער מאַריעס קול: "טאַטעלע, עס איז ניט שעהן, מען טאָר דאָס ניט". איך טהו אַ קוק אין אַ שפּאַלט (אַ שפּאַלט איז געווען איבער מיר אין וואַנד): אויפ'ן לאָנקע לויפט אַרום מאַריע, און דער טאַטע נאָך איהר. מאַריע אַנטלויפט פון איהם און ער — נאָך איהר. „אָט, — מאַכט ער, — איך וועל כאַפּען! אָט, — פאַכט

ער, — איך וועל כאַפּען!" נאָר מאַריע איז פון איהם אַנטלאָפען געוואָרען, און ער, דער הונד, שטעהט אַזוי, קוקט איהר נאָך, און לאַכט אונטער. „אָט דאָס איז דאָס!" קלער איך. אָט דאָ איז מיר אַרײַן אין קאָפּ, איך בין געווען אויסער זיך. געקומען אַהײם, אַרויסגערופען מאַריע'ן אין פאָדערשטוב און געכאַפּט די לײַצעס. דו, וואָס איז דאָס מיט דיר, דו, שקורע, האַ? מיט'ן טאַטען שפּיעלסטו זיך?" און זי מיר — כאַץ צו די פּיס, און האָט זיך צו וויינט. „ער, זאָגט זי, לעשענקע, מיינט גאָר ניט. אָט אַזוי זיך". עס איז איהר געווען שווער, הייסט דאָס, אויסזאָגען דעם אֱמֶת. האָב איך איהר געפיהרט מיט די לײַצעס, געפיהרט. בין אַוועק צום טאַטען. „אַזוי און אַזוי, — זאָג איך, טאַטע. טהייל אונז אָב. מיר ווילען לעבען פאַר זיך. וואָרום, ווי איך בין היינט געלעגען אין שײַער, האָב איך אַזוי בעקלעהרט... מיט אַ כיוון האָב איך איהם געזאָגט וועגען שײַער. דאָ איז דער אַלטער אין כַּעַס געוואָרען: מאַלע וואָס, דו שייגעץ, זאָגט ער, דו וועסט דאָרטען אויסטראַכטען וואַלגערנדיג זיך איבער די שײַערן אין שטוב איז כָּל טוב. איך דאַרף טאַקע צוליעב דיר נעהמען און מאַכען פון אַלץ אַ תֵּל! הערסט, וואָס ער האָט אויסגעטראַכט! אַוועק! אַוועק פון מײַנע אויגען, פאָדלעץ!" און אַזוי איז אַוועק אַ סֶדְרָה, אַזוי איז אַוועק אַ סֶדְרָה! קומט אַ מאָל מאַריע פון פעלד — דורכאויס צוקײַלט און צובײַלט.

— ווער האָט דאָס דיר געטאָהן? — פרעג איך.

— דער „טאַטעלע", — צוגיסט זי זיך און וויינט.

געה איך אַוועק צום טאַטען: „מען טאָר דאָס ניט, ט... עלע!" כאַפּט ער מיר פאַר די האָאָר. „דו, — זאָגט ער, — וועסט מיר נאָך לערנען! אַלע, מאַכט ער, זײַט איהר פוילענצער! און מאַריע דײַנע איז אויך אַזאַ. מיט גוטען און מיט פרײַנד־שאַפט קען מען מיט אײַך גאָר נישט מאַכען, — וועל איך אײַך ווײַזען וואָס איך קען. איהר וועט שוין בײַ מיר אַרבייטען!" און איך זאָל איהם זאָגען אָפּען! וואָס טהוסטו דאָס, טאַטע, קעהרט זיך בײַ מיר דער צונג ניט, — ס'איז אַ חרפּה, פרעמדע מענשען אַרום, אַרבײַטער. אָט אַזוי איז אַ וועק אַ לעבען. וואָס איז די

קאַטאָרגע! די קאַטאָרגע, זאָג איך אײַך, איז גאָרנישט! האָבען מיר איהר געשלאָגען, מאַריע'ן, עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, אויסגעשטאַנען האט זי זיך פון אונז, אַי וואָס זי האָט זיך אויסגעליטען! דער טאַטע שלאָגט: פאַר וואָס זי אַנטלויפט פון איהם. און איך שלאָג איהר פון צָרוֹת, — עס דאכט זיך מיר אַלץ, אַז זי, הייסט דאָס, איז אַליין שולדיג, זי לאַשטשעט זיך צו איהם אַליין. און אַזוי צוואַנציג יאָהר! אָהן אַ סוֹף!

דער אַלטער האָט זיך אָבגעקעהרט, אָבגעווישט די טרעה־רען. זיין קול האָט געציטערט און געקלונגען ווי אַן אָנגעבראָ־כענע כְּלִי.

— פאַר מאַריע'ן האָט מיך דער אויבערשטער בעשטראָפט. פאַר מאַריע'ן טראָג איך מיין שווערען מַזָל און האָב איהם פער־דיענט. און איך מאַטטער זיך, ווי זי, די פאַרפּייניגטע האָט זיך געמאַטערט. בּיז'ן סאַמע טויט האָט זי, עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, מיר ניט אויסגעזאָגט. אַ חֶרְפָּה איז איהר געווען: דו, לעשענקע, — מאַכט זי, — קלעהרסט גאָר אומזיסט, דו, לעשענקע, זאָגט זי, קלעהר גאָר ניט, מוטשע זיך ניט. דער טאַטעלע איז אַ שטרענגער, ער וויל נאָר מען זאָל אַרבּייטען, „דו פאַרקלעהר גאָר נישט" מאַכט זי, און בּיי איהר אַליין גיסען זיך רוטשאַיעס טרעהרען פון די אויגען, איך שלאָג, איך בּין אויסער זיך, און זי — חאָטש איין געשריי. צו קענען דאָס אונשולדיגע אַזוי פאַרטראָגען? שטיקט זיך מיט די טרעהרען און טַעֲנָה'ט נאָר איינס, „לעשענקע, זעה, ניט מוטשע זיך, פאַרקלעהר גאָרנישט!" ווינטער ליגט מען בּיי נאַכט אין שטוב, — דער טאַטע שלאָפט ניט, איך הער, ער שלאָפט ניט, קעהרט זיך אויף אַלע זייטען, סאָפּעט. קיין שלאָף איז אויף איהם ניטאָ. און איך שלאָף אויך ניט. און מאַריע שלאָפט אויך ניט, ציטטערט אין גאַנצען. שטעהט זי אויף, איך בעט אייך מְחִילָה, און געהט ערגעץ וואו אַרויס, הער איך ווי דער טאַטע קריכט שטילענקערהייט פון זיין געלעגער, עס פאַר־כאַפּט מיר דער אָטהעם. „וואוהין, — זאָג איך — טאַטעלע?" „וואָס איז דאָס דיין דאגה? זאָגט ער. זעהסט אַ קאָפּ אויף די פּאָלונאָשניקעס (נאַכטוואַנדלער). עס נעהמט זיי קיין שלאָף ניט,

שלעפּען זיך אַרום! קענען נאָך אונטערצינדען די שטוב. מע־דאַרף גערן אַ קוק טהאָן!" „איך וועל אויך געהן מיט אייך, טאַ־טעלע!" „ליעג דו!" זאָגט ער. פון דעסטוועגען געה איך.

אַ גלאָק האָט מען בײַ אונז געבראַכט צו פיהרען אין דאָרף פאַר'ן קלויסטער. איז ער, דער טאַטע הייסט דאָס, געבליבען אין דער הײם, ניט געגאַנגען העלפען: ווארום אַז'ס קומט אָן אַ נײַער גלאָק, געהען אַלע דאָרף לײַט העלפען אַרויפציהען. „געהט, זאָגט ער, איהר העלפט אונטער און בײַ מיר ברעכט עפּעס דער רוקען!" זענען מיר אַוועק. אַלע קוקען, לאַכען זיך אונטער. ווארום דאָס איז אַ קלאָרע זאַך...

— וואָס זשע איז דאָס פאַר אַ קלאָרע זאַך?

— וואָס? עס איז דאָ בײַ אונז, אין דאָרף הייסט דאָס, אַזאַ סימן. אַז דער „שנורקאַטש" נעהמט זיך העלפען, וועט מען שוין דאַמאָלס דעם גלאָק פון אָרט ניט קענען ריהרען. קום איך דערנאָך צוריק אַהײם. פרעג איך: „וואָס ביזטו עפּעס, טאַטעלע, ניט געגאַנגען העלפען פיהרען דעם גלאָק גלײַך מיט אַלעמען? מאַכסט נאָר אונז אָן בזיונות!" אָט דאָ האָב איך איהם נאָר איין מאָל וועגען דעם געזאָגט. פינסטערער ווי די נאַכט איז גע־וואָרען דער אַלטער: „דו — זאָגט ער, — זאָלסט זיך ניט דער־וועגען צו רעדען מיר נאַרישקײַטען. אַז ניט וועל איך נעהמען אַ שטריק און וועל דיר מיט'ן שטריק, פאַרשטעהסטו מיך, געבען! איך האָב געזאָגט, אַז דער רוקען ברעכט מיר!" און דאָס איז גאָר אַ ליגען מיט'ן רוקען! ער האָט פּשוט מורא געהאַט, אַז דער עולם זאָל איהם ניט אַוועקטרײַבען פון שטריק: פעדוליטש, הייסט דאָס, געה אַוועק, דאָס איז ניט דײַן זאַך". ווארום מיר האָבען אונזערע „מיסט" פון לײַטען ניט בעהאַלטען, און אַז מיר וואָלטען וועלען — קען מען עפּעס פון לײַטען בעהאַלטען? אַלע האָבען געוואוסט, וואָס בײַ אונז האָט זיך געטהאָן. אַ חרפּה. און בײַ מיר איז שוין דער זונדעל, ניקאָלושקע, אונטערגעוואַקסען. פאַרשטעהט אַליין. און וואָס פיר אַן אַלטער איז דאָס אָבער גע־ווען? אַן אַלטע, אַ זקנה איז שוין מאַריע געוואָרען — אַזוי האָבען מיר איהר פאַרפײַניגט. איהר וואָלט אַ קוק טהאָן איהר פּנים,

אַ שעהנערע לייגט מען אַרײַן אין קבֿר. און ער — אַלץ צו איהר, ביז וואַנען מיר האָבען איהר ניט פֿאַרשלאָגען אין קבֿר, איז אַלץ אַזוי געגאַנגען די זינד.

דער אַלטער האָט זיך קוים אײַנגעהאַלטען פֿון טרעהרען אַ לאַנגע צײַט האָט ער געשוויגען, ביז ער האָט ניט צוזאַמענגענומען די קרעפֿטען און געקענט ווײַטער רײדען.

— אַן אײַזערנע אַלטער איז דאָס געווען. „איך, — פֿלעגט ער זאָגען אַמאָל, — האָב געדאַרפֿט נאָך אַמאָל חתונה האָבען, די רעכטע צײַט פֿיר מיר". מאַריע איז געשטאָרבען. איך בין געבליבען אַן אַלמן, און עס איז געקומען די צײַט צו טהאָן אַ שדוך מיט ניקאָלושקען. אַ כּלה האָט מען איהם גענומען פֿון אַ שעהנע משפּחה. אַן אײדעל קינד געווען, אַ שעהנע. און וואָס מײנט איהר, האָט ער בײַ זיך געפּועל'ט?... איז ער ניט קײן הונד?

דער אַלטער האָט זאָגאַר אַ שפּײַ געטהאָן פֿון עקעלהאַפֿטיגקײַט, די הענד האָבען בײַ איהם געציטערט, די קאָפּ האָט ער ניט געקענט אײַנהאַלטען אויף אַן אָרט.

— ניט אַ הונד, האַ? איך טהו אַ קוק. ער פֿאָהרט אין שטאָדט, קומט צוריק און ברענגט אַלעמען נאָסטינצעס (פּרעזענטען) און נאַסטיען בעזונדער: „דאָס, זאָגט ער, — איז דיר, חכמה מײַנע, זאָלסט עהרליך האַלטען דעם זײדען!" איך טהו אַ קוק — נאַסטיע װײנט. וואָס איז דער מעהר? פֿרעג איך. „אַזוי!" זאָגט זי. און אַלײן צוגיסט זי זיך. איך טהו אַ קוק: וואוהין נאַסטיע געהט, דרעהט ער זיך אויך אַהין. איך זעה, אַז ער האָט אַרײַנגענומען אין זינען דיזעלביגע זאַך וועגען נאַסטיען אויך. אָט דאָ האָט מיך אָנגענומען אַ שרעק, און אַ ציטערנעס. די קאָפּ איז בײַ מיר חאָדאָראָם געגאַנגען. וואָס איז דאָס, — קלעהר איך, — איך האָב זיך דעם גאַנצען לעבען אָבגעמוטשעט, איצטער דאַרף זיך מוטשען מײַן ניקאָלושקע? ווען זשע וועט דאָס נעהמען אַ סוף? איך זעה: וואָס ווײַטער, וואָס מעהר — ער זוכט אַלץ וועגען צו נאַסטיושקען. אָט דאָ האָב איך אַלץ אויסגעזאָגט ניקאָלושקען, אַלץ, וואָס מיט זײַן מאַמען איז געווען. אַ פֿער-

טרייסעלטער איז געוואָרען ניקאָלושקע. און וויינט. „הערען, זאָגט ער, האָב איך דאָס וועגען אונזער הויז געהערט. נאָר איך האָב ניט געגלויבט". — „איצטער, זאָגט ער, איז שוין וועגען דעם איבעריג צו קלאָגען, מען דאַרף האָבען אַן אויג אויף נאַסטיושקען! מיר האָבען געקלערט און געקלערט: וואָס טהוט מען? ביי אונז איז געבליבען: מיר זאָלען זיך אָבטהיילען. וואו! ער וויל גאָר ניט הערען! — הערסט, — זאָגט ער, וואָס זיי האָבען אויסגעטראַכט! איך האָב דיר, דו אומזיסטער פרעסער, — אויף ניקאָלושקען הייסט דאָס, — געקאָרמעט, געפּאָיעט און דו ביזט מיר אַזוי דאַנקבאַר. אַזאַ אַרבייטערין אַוועק נעהמען פון שטוב? איך וויים, — זאָגט ער, — וועמעס קונצען דאָס זענען! דאָס לערנט ער דיך אָן, דער אַלטער חריין, — דאָס לערנט ער דיך אָן אויף מיר. עס ווילט זיך איהם אַליין לעבען נאָך זיין איי־גענעם ווילען, מיט זיין אייגענעם שכל. זעה אַלטער, — מאַכט ער צו מיר, — זאָלסט אַקאָרסט ניט דאַרפען אויף דער עלטער געהן מיט אַ טאָרבע פיר דיינע קונצען! וואָס פיר אַן אָבטהיילען זיך! ווי לאַנג איך וועל לעבען וועל איך די שטוב ניט צו־פּטר'ן!" מיר זעהן, עס איז געבליבען נאָר איינס: אַכטונג געבען — עס זאָל גאָר־נישט געשעהן. ניט דערלאָזען. און מיר זענען נאָך אים נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט: ערגעץ ניט געלאָזען איהם פון אויג, די צייט איז געווען שניט־צייט. נאַסטיושקע האָט געשניטען בעזונדער אַ שטיק פעלד אין יאַר, (זומער־קאָרן). אַ קליינער יאַראָק איז דאָס געווען, אין אַ לאַחטשינע, דאָרטען האָט זי געשניטען. קום איך אַ מאָל אַ היים, „וואו איז דער טאַטע?" פרעג איך. „ער איז אַוועק!" זאָגט מען. די האַרץ האָט מיר אַ ליאָקע געטאָהן. חאַפּ איך זיך צו ניקאָלושקען. אַ נו־קאַ, ניקאָלושקע, לאָמיר געהן צום יאַריק. עפּעס איז ניט גלאַט, דער טאַטע איז אַוועק פון שטוב". לויפען מיר צום יאַריק. קומען מיר צו לויפען, מיר זעהן: נאַסטיושקע ראַנגעלט זיך מיט איהם. די האָר צוואָרפען, די העמד (ביי אונז שניידט מען אין איין העמד — עס איז היים), — די העמד איז ביי איהר צוריסען. זי רייסט זיך פון זיינע הענד און ער כאַפּט איהר ווידער. ביז זי האָט זיך אַרויסגעריסען און

לויפט פון אימפּעט און ער נאָך איהר, מיט אַ האַלאָבליע. „מיט גוטען, — זאָגט ער — וועט זיין בעסער” אָט דאָ זענען מיר אַרויסגעלאָפען. „שטיי!” — שרייען מיר. ווי ער האָט אונז דערזעהן, האָט ער זיך אָנגעהויבען צו טרייסלען, בייז איז ער געוואָרען. איהר, זאָגט ער, טייוואָלים, וואָס טהוט איהר דאָ, האַ?” דאָ איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען: נאַסטיושקע שטעהט אין אַ צוריסענע העמד, — אַ חרפּה! גיה איך אונטער: וואָס פיר אַ געשעפטען מאַכסטו דאָס אַלטער, האַ? וואָס מאַכסטו דאָס פיר געשעפטען?” און ער אויף מיר: אַ, זאָגט ער, דו אַלטער טייפעל, האָסט זיך ווייטער גענומען מיך לערנען? דעם גאַנצען לעבען האָסטו מיך געלערנט און איצטער וועסטו מיך אויך לערנען? אַרויס, זאָגט ער, פון מיין שטוב. זאָלען בלייבען ניקאָלקע מיט נאַסטאַסיען. און דו זאָלסט מיר אַוועק פון מיינע אויגען, אַוועק! גענוג מיר צו קאָרמענען דיך, אומזיסטער פרעסער!” נו, זאָג איך, אַלטער, גענוג! דאָס איז דיר ניט מאַריע! און אַליין רוק איך זיך צו איהם אַלץ נעהענטער, נעהענטער. איז ער נאָך מעהר צוקאָכט געוואָרען: וואָס שטעכסטו מיר, שרייט ער, אַלץ די אויגען מיט מאַריען? טהייערע זאַך! אַ חצופה איז דיין מאַריע געווען, מיט'ן גאַנצען דאָרף האָט זי זיך געפּלאָנטערט. אַוועק!” שרייט ער און האָט זיך אויף מיר אַ מעסט געטאָהן מיט דער האַלאָבליע. דאָ געדענק איך שוין ניט וואָס מיט מיר איז געשעהן. איך האָב אַרויסגעכאַפּט די שטיק האַלאָבליע און — איהם איבערן קאָפּ. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט. און איך אויף איהם — און — פאַר'ן גאָרגעל. איך געדענק נאָר, אַז איך האָב זיך אין גאַנצען געטרייסעלט. און אַזוי עקעלהאַפט איז ער מיר געווען, אַזוי עקעלהאַפט. „געקומען, זאָג איך, אַלטער, דיין סוף”. — אַליעשאַ, — זאָגט ער, — איך וועל מעהר ניט!...”

„פריהער, — זאָג איך, אַלטער, האָסטו געדאַרפט וועגען דעם קלערען”. און האָב איהם צוגעשטיקט דעם גאָרגעל... צוגעשטיקט און האַלט. איך האַלט און אַליין זעה איך גאָר נישט, פאַרשטעה גאָר נישט. דאַמאָלס האָב איך זיך שוין אויפגעכאַפּט, אַז ניקאָלושקע האָט מיך גענומען טרייסלען פאַר'ן האַנד. טאַטינקע,

זאָגט ער, איהר האָט דעם זיידען דערשטיקט." — „האָב איהם א שוואַרץ יאָהר, האָב איך געזאָגט, דעם בַּעַל־עֲבֵרָה'ניק. אָט אזוי, טײַנע העררען איז דאָס געשעהען די גאַנצע געשיכטע....

— נו, און די געשוואָרענע, אַלטער, האָסטו דאָס אַלץ דערצעהלט?

— ניין, צו וואָס? איך האָב זיך אויפ'ן געריכט ניט מוֹדֶה געוועזן.

— פיר וואָס זשע האָסטו זיך ניט מודה געווען, ניט דערצעהלט אַלץ?

— ווי זאָל איך אײַך זאָגען? ערשטענס: זענען קיין עֵדוּת ניט געווען. איך האָב גע'טַעֲנה'ט איין זאַך: איך וויים ניט פון וואָס צו זאָגען. צווייטענס: האָב איך מוֹרָא געהאַט אַריינ־צופּלאָנטערן ניקאָלושקען מיט נאַסטיען. זיי זענען נאָך יונגע מענשען — האָב איך געקלערט, — זיי דאַרפען נאָך לעבען, און איך בין שוין אַן אַלטער מאַן. און דערצו: לְמַאי זאָל איך אַ זעלכענע בזיונות אַרויסטראָגען צווישען לײַטען....

— נו, און דײַן זוהן האָט קיין שום אַנטהייל אין דעם ניט גענומען?

— אין דעם וואָס איך האָב געטאָהן? ניין! געזעהן האָט ער געזעהן און גע'הרג'עט האָב איך איינער, לְמַאי זאָל איך זאָגען אַ ליגען? איצטער איז שוין אַלץ איינס. איך וואָלט געזאָגט, אַז ס'וואָלט אַזוי געווען. אַלץ איינס. זיי זענען שוין געשטאָרבען. באַלד נאָך דעם ווי מען האָט מיך פער'משפט, איז ניקאָלושקע געשטאָרבען, און נאָך איהם, איז נאַסטאַסיע... זיי האָבען זיך נעבאַך אָנגעליטען און געשטאָרבען, איך אַליין נאָר בין געבליעבען און מאַטער זיך!... האָט דער אַלטער אַ שמייכעל געטהאָן מיט זײַן שמערצליכען שולדיגען שמייכעל, — איך מאַטער זיך און בעט גאָט פאַר מאַריע'ס נְשָׁמָה. אֶפשר וועט איהר זײַן דאָרטען גוט. און דאָ וואָס!... דעם גאַנצען לעבען געפּײַניגט זיך און גע־שוויגען...

די פאאר טויבען.

די פּאָאר טויבּען.

— דושינקע, אֶפְּשַׁר ווילסטו אַ גלעזעלע טהיי? האַ? איך גיב אַ לאָף און ברייננ שוין.

— ניין, מיין לעבּען, זעץ דיך אַנידער אויף אַ מינוט, רוה אָב, ביזט דאָך אַזוי מיעד.

— ע, וואָס רעדסטו, דושינקע, איך מיין ערנסט; זאָלל איך אַ לאָף טאָהן?

אַ זעלכע געשפּרעכען הער איך הינטער וואַנד אַ גאַנצען טאָג. מיינע בַּעֲלֵי בָּתִּים, וואו איך וואָהן, פאַרשיקטע קאַטאַרזשניקעס (זייער פאַמיליע איז פּישטשיקאָוו), זענען זעהר אַ אינטערעסאַנטע פּאָרעל.

ער איז אַ מין אָטעלל *) זיין נאָמען איז זאָגאַר בּעריהמט אין דער רוססישער ליטעראַטור. ער איז דער העלד פון גליעבּ אוספּענסקע'ס ערצעהלונג: „איינער אויף איינעם". אַ מערדער מיט וועלכען עס האָט געקלונגען גאַנץ רוסלאַנד.

זיין פּראָצעס איז אַן אָבּקלאַנג פון דער לעצטער רוסיש־טערקישער מִלְחָמָה. זיין אָפּפער איז, ווי פיעלע אַנדערע אין יענער צייט, געוועזען פערליעבּט אין אַ געפאַנגענעם טערק. ער איז געוועזען איהר פריינד פון יאָהרען לאַנג און האָט אויס פריינדשאַפט גענומען אויף זיך די ראָלע פון אַ ליעבּעס־שליח. ער פלעגט טראָגען צעטטעלעך פון „איהם" צו „איהר" און פון „איהר" צו „איהם" און פלעגט זיי העלפען אין אַלגעמיין אין זייערע

---

*) אַ העלד און איינער פון שעבּספּיר'ס דראַמעס מיט דעמזעלבען נאָמען.

ליעבעס־פערהעלטניסע. ביסלאַכווייז זענען זיי אויף אַזאַ שטייגער נעהענטער געקומען איינער צו דעם אַנדערען, מעהר בעקאַנט געוואָרען איינער מיט דעם אַנדערן... ער האָט זיך איינגעליעבט אין דער, וועמען ער האָט געהאָלפען אין איהר ליעבע צו אַן אַנדערען. זי האָט זיך אין איהם אויך פערליעבט. דעם טערק האָט זי פערגעסען; ער איז אַוועק — צו זיך אַהיים. זיי האָבען ביידע חתונה געהאַט; אַ יאָהר זעקס האָבען זיי געלעבט צוזאַמען רוהיג אונ גליקלאַך. ער איז שוין געוועזען אַ פאָטער פון 4 קינדער. זי האָט זיך געגרייט צו שענקען איהם נאָך אַ מתּנה — אַ פינפטעם קינד.

פלוצלונג האָט זיך אויפגעכאַפּט אין איהם אַ פייער פון אייפערזוכט צו דער פערגאַנגענהייט.

יענער טערק, וואָס האָט פאַרנומען אַ פּלאַץ ביי איהר אין האַרצען נאָר אויף איין אויגענבליק, וועלכער איז שוין לאַנג פערשוואונדען געוואָרען פון דער סצענע, האָט זיך געשטעלט צווישען זיי ווי אַ שרעק גייסט.

דער געדאַנק, אַז זי האָט געטהיילט איהר ליעבשאַפט מיט אַן אַנדערען, האָט איהם געקוועלט, געפייניגט. געברענט זיין נשמה.

זיין צושטרייעטע איינבילדונגס־קראַפט האָט קיין רוהע ניט געוואוסט אויף איין מינוט פון שרעקליכע, פיינפאָללע, פערדעכטונגען.

פערדעכטונגען, אַז זי ליעבט „יענעם", אַז בשעת זי האַלובעט איהם און קוסט איהם, דענקט זי וועגען אַן אַנדערען.

אַז די קינדער — זיינע קינדער. זענען געבאָרען געוואָרען מיט אַ געדאַנק וועגען אַן אַנדערען.

דיעזע שרעקליכע, דיזע קרענקליכע, גייסטעס־דראַמע האָט זיך געענדיגט מיט אַ שוידערהאַפטע שטראָף פאַר דער „שולדיגער".

פישטשיקאָוו האָט צוגעבונדען זיין פרוי צום בעט און האָט איהר פערשמיסען מיט אַ נאַהייקע ביז צום טויט. אַליין האָט ער זיך געמוטשעט און האָט געהאַט תּענוג פון איהרע יסורים

די פּײַניגונג האָט געדויערט אײניגע שטונדען. און זי?... זי האָט בשעת מעשה געקושט זײַנע הענד.

האָט זי איהם געליעבט אַזוי שטאַרק אַז זי איז אַפילו געווען בערייט אַנצונעהמען יסורים פון זײַן האַנד מיט דאַנקבאַרקייט? אָדער האָט זי געבעטען אום פערצייהונג אין דיזע שרעקליכע מינוטען, פערצייהונג פאַר יענע ברענענדיגע גײַסטעס־שמערצען, וואָס זי האָט איהם ניט ווילענדיג אָנגעטאָהן...

אָט אַזאַ איז ער — פּישטשיקאָוו. ער איז פער׳משפּ׳ט געוואָרען צו אייביגע קאַטאָרגע. נאָר צוליעב עטליכע מאַניפעסטען האָט מען איהם אַראָבגענומען יאָהרען און איהם איז יעצט מעהר ניט געבליעבען ווי 4 יאָהר צו פערבלײַבען אַ קאַטאָרזשניק.

זי, — איצטיגע ווײַב פּישטשיקאָוו׳ס איז אויך אַן אַלמנה, איבער איהר אייגענע שולד.

איהר פּראָצעס איז כאָטש ניט אַזאַ בעריהמטער, ווי זײַנער, אָבער מיט איהם האָבען אויך געקלונגען אַללע בלעטער.

זי איז אַ געוועזענע אַקטריסע. האָט געהאַט אַ מאַן אַ פּאָלקאָווניק און האָט איהם גע׳הרג׳עט צוזאַמען מיט אַ „גוטען פרײַנד", אַן אײַנגעהער אין הויז, און האָט בעהאַלטען דעם טויטען קערפּער אין אַ זיכערן אָרט. מען האָט אָבער דעם טויטען געפונען, דעם פערברעכען האָט מען אויפגעדעקט און זי האָט געמוזט געהן אין קאַטאָרגע אויף יאָהרען לאַנג.

די „שאַראָניכע", ווי מען האָט איהר גערופען אין קאַטאָרגע, האָט געהאַט אויסצושטעהן אַ שווערען קאַמפּף, ביז וואַנען איהר איז געלונגען אַז מען זאָל איהר רעכענען און בעהאַנדלען ניט ווי אַללע געוועהנליכע קאַטאָרזשנע פרויען.

די ערשטע זאַך האָט זיך צו איהר צוגע׳שדכנ׳ט אײנער פון די סאַכאַלינער טשינאָווניקעס, און האָט איהר גענומען צו זיך פאַר אַ „קעכין". דאָס הייסט פאַר אַ ליובאָווניצע. זי איז אָבער אַ שטאָלצע, ניט קיין נאַרישע, אַ גאַנץ אינטיליגענטע פרוי.

האָט זי גלייך פּראָטעסטירט.

„אָדער אַ „קעכין" אָדער אַ „בעל הבית'טע", איינס פון די בײדע. מישען דיזע בײדע פראָפעסיאָנען איז דאָ אַ סך בעלנים; איך בין ניט פון דעם סאָרט.

און זי האָט פראָטעסטירט אַזוי הויך, אַזוי שטאַרק, מיט אַזאַ עקשנות, אַז מען האָט איהר געמוזט לאָזען צורוה.

אָט דאָ איז זי בעקאַנט געוואָרען מיט איהם, מיט פישטשיקאָוו'ן. זיי האָבען זיך איינע אין די אַנדערע פערליעבט — און די פּאָאַר מערדער האָבען חתונה געהאַט.

די פאָאר מערדער... ווי מאָדנע קלינגט דער נאָמען, ווען מען רעדט וועגען דיעזער ליבליכער, העכסט סימפּאַטישער פּאָרעלע, וואָס לעבען צוזאַמען ווי אַ פּאָאַר טויבען.

קוקט מען זיך צו ווי טריי, ווי צערטליך זיי לעבען און ליעבען זיך, שטעלט זיך דאַן פאָר, אַז זייער פערגאַנגענהייט איז אַ ליגען, אַ לשון הרע, שלעכטע מענשען האָבען דאָס אויס־געטראַכט

— דאָס קען ניט זיין! עס קען ניט זיין, אַז דיעזער צערטליכער מאַן, וואָס קען צוויי ווערטער ניט זאָגען דער ווייב, וואו ער זאָל ניט צוגעבען אַ דריטען אַ ליעבליכען וואָרט, אַז דער מענש זאָל קענען זיין אַ תליון. עס קען ניט זיין, אַז די ראָזיגע הענטלאַך, דיזע עהרליכע, אָנגעהאָרעוועטע הענטלאַך, וואָס רוהען ניט אַ מינוט, וואָס זענען אימער מיט עפּעס בעשעפטיגט, זאָלען זיין פערפלעקט מיט דעם בלוט פון איהר מאַן.

אָנכאַפּענדיג זיך איינער אָן דעם אַנדערן, זענען זיי אַרויסגעשוואומען אין דיזען ים פון שמוץ, וואָס רופט זיך קאַטאָרגע און האָבען איינער דעם אַנדערן געראַטעוועט.

שטאַמט פיליַיכט דערפון זייער ריהרענדע צערטליכקייט? זייער הייסע ליעבע?

ער האָט געדיענט אין דער קאַנצעלאַריע פון דעם קרייז־נאַטשאַלניק — ער איז די ערשטע האַנד פון דעם נאַטשאַלניק, פערשטעהט זעהר גוט זיינע געשעפטען און פיהרט זיי אויסגעצייכענט.

ער איז, ווי איך האָב שוין געזאָגט, אַ טרייער צערטליכער

מאַן, אַ גוטער, אָהן אַ גאַלל; ער געפינט זיך זאָגאַר אַביסעל, ווי מען זאָגט, אונטער דער ווייבס פאָדעשווע.

קוקט איהר אויף איהם, קענט איהר זיך בשום אופן ניט פאָרשטעלען, אַז דאָס איז יענער אָטעללאָ, אָטעללאָ דער תליון.

נאָר איין מאָל האָט זיך אין איהם אויפגעכאַפּט די אַלטע קרענק — די אייפערזוכט.

זיין פרוי ווערט נאָך איצטער אַ פאַרציטערטע, אַז זי דער־מאָהנט זיך אויף דעם.

ער האָט געקראָגען אַ גאַלל מעסער, האָט איהם אָנגע־שאַרפט, זיך פאַרשפאַרט, און. . האָט אַראָבגעגאָלט זיין גרויסע באָרד און די וואָנצעס.

„אַ שרעק איז געווען אַ קוק צו טאָהן אויף איהם", דער־ציילט זי.

— זאָלסט ניט וואָגען צוצוגעהן צו מיר איצטער, איך קען אויף דיר ניט קוקען! האָט איהם געמעלדעט זיין פלונית׳טע.

אַ לאַנגע צייט האָט ער געבעטען אום פערצייהונג און איז אומגעגאַנגען מיט אַ שולדיגען פנים. מעהר האָט ער שוין קיין אייפערזוכט ניט אַרויסגעוויזען.

און זי... עס איז ניטאָ די מינוט, וואָס זי זאָל ניט זיין מיט עפּעס בעשעפטיגט. דאָ זאַלצט זי הערינג, דאָ מאַכט זי געקינסטעלטע בלומען צו פערקויפען, דאָ אַרבייט זי אין איהר פיינעם פראַכטפאָללען גאָרטען, דאָ נעהט זי קליידער פאַר דער „אינטיליגענץ" פון דער קאַטאָרגע.

און זי נעהמט איין רובל פון „פּאַסאַן", ד. ה. פאַר אַ אָנצוג.

וואָס עפּעס אַזוי בילליג? האָב איך געפרעגט פערוואונדערט, דאָס איז דאָך פשוט אומזיסט! איהר וואָלט כאָטש נעהמען צוויי.

זי האָט זאָגאַר אַ מאַך געטאָהן פון שרעק מיט די הענד.

— וואָס רעדט איהר?! וואָס רעדט איהר! א י ה ם איז דאָך נאָך מעהר ניט געבליבען ווי 4 יאָהר. אין 4 יאָהר קען

מען אַלץ מיט איהם מאַכען! אויף מיר וועט מען ווערען אין כּעס און צו איהם וועט מען אויסלאָזען. ניין! ניין! וואָס רעדט איהר? גאָטט איז מיט אייך!

מען דאַרף זעהן, ווי דיזע פרוי רעדט וועגען איהר מאַן, מען דאַרף הערען, ווי עס ציטטערט איהר שטיממע, ווען זי דערמאָהנט זיך, אַז איהם איז געבליבען נאָך 4 יאָהר קאַטאָרגע... וויפיעל ליעבע, אונרוהע פורכט פאַר דעם מענשען, וואָס זי ליעבט, הערט זיך דאַן אין איהר שטיממע.

איך בין מיט איהר בעקאַנט געוואָרען אין שיף, נאָך איידער איך בין געקומען אין סאַכאַלין. זי איז געפאָהרען פון וולאַדיוואָסטאָק. דאָרט האָט מען איהר געמאַכט אַ שווערע אָפּעראַציאָן, איהר לעבען איז געווען אין געפאַהר.

ווי די שיף איז נאָר צוגעשוואומען צום ברעג, האָט זיך באַלד בעוויזען דער ערשטער אַ מאַן מיט אַ אונגעהייער גרויסער באָרד, דאָס איז געווען איהר מאַן.

זיי זענען ביידע אַריינגעפאַלען איינע די אַנדערע אין די אָרעמס. איינינע מינוט זענען זיי אַזוי געבליבען שטיין בע־וועגלאָז אַזוי ווי געשטאָרבענע.

— ליעבער!

— טהייערע! — האָט זיך געהערט דורך אַ שטילען כליפּען. ביי ביידען האָט געגאָסען טרעהרען ווי אַ שטראָם

דערמאָהנען זיי אַ מאָל די פערגאַנגענהייט?

אי ער, אי זי כאַפּען זיך צו צייטענווייז צום טרונק.

עס קען זיין, אַז דאָס איז „שטייער", וואָס זיי צאָהלען זייער געוויסען.

דער געוויסען נעהמט דאָך „שטייער" מיט בראַנפען אויך...

א קאטאריזשניצע א בּאראנעסע

אַ קאַטאָרזשניצע אַ באַראַנקעסע.

דאָס איז איינע פון מיינע אומעטיגסטע ערינערונגען פון סאַכאַלין.

— באַראַנקעסע. אַ באַראַנקעסע באַקט ביי אונז בולקעס, גיט אוראָקען און נעהמט קליידער! — האָט מען מיר געזאָגט אין דעם דערפיל ריקאָווסק.

איך האָב איהר געמאַכט אַ וויזיט.

ביים שוועל פון איהר שטיבעל האָט מיר בעגעגענט אַ הויכע, אַ מאָגערע פרוי מיט קלוגע, לעבעדיגע אויגען. ווי אַלט איז זי דאַן געווען? עס איז בנאָמנות שווער צו שאַצען אַ פרוי'ס יאָהרען אין דער קאַטאָרגע. סאַכאַלין נעהמט אָב ביי אַ מענשען אַלעס וואָס ער בעזיצט עטוואָס גוטעס; פריהער פון אַלץ נעהמט ער אָב די יוגענד, דערנאָך דעם געזונד!

איך האָב מיך פאָרגעשטעלט

— באַראַנקעסע היימבּרוך! האָט זי געענטפערט אַרומזאָגענדיג בעזאָנדערס שאַרף דעם טיטול וועלכען זי האָט אַלס קאַטאָרזשניצע שוין קיין רעכט ניט געהאַט צו טראָגען.

דער פראָצעס פון דער באַראַנקעסע היימבּרוך וועלכע מען האָט בעשולדיגט אין אונטערצינדען האָט אָנגעמאַכט אין פעטערבורג זעהר אַ גרויסען ליאַרם. דאָס איז געווען אַ רעש'דיגער, בעריהמטער פראָצעס.

אין דער געשיכטע פון פרויען בילדונג אין רוסלאַנד וועט דער נאָמען פון דער באַראַנקעסע היימבּרוך פאַרנעהמען ניט

קײַן גרויסען, אָבער דאָך אַ וויכטיגען פּלאַץ. זי איז געוועזען די ערשטע וואָס האָט געעפענט אַ שוהלע צו לערנען מײדלעך אַן אַרבײט.

זי איז געוועזען אויסגעצייכענט געבילדעט, האָט געהאַט פײנע בעקאַנטשאַפט, איהר פאַמיליע איז בעשטאַנען פון גרויסע אײנפלוסרײכע לײט, נאָר פון וואַנען צו לעבען האָט זי ניט געהאַט האָט זי זיך אָבגעגעבען מיט גרויס בעגײסטערונג דעם געדאַנק:

— מען דאַרף אויסלערנען אַ פרוי זי זאָל קענען לעבען פון איהר אײגענער האָרעוואַניע. מען דאַרף איהר געבען אין האַנד אַ געוועהר צו קעמפפען פיר איהר עקזיסטענץ.

דער עסק איז געגאַנגען גוט. די באַראָנעסע האָט געאַרבײט אַלײן, געלערנט אַנדערע אַרבײטען און ווי עס איז געשטוקעוועט איהר לעבען.

— נאָר אײן זאַך האָט מיר געדריקט: עס איז געוועזען אומעדיג אַלײן! — דערמאָנט זי יענע צײַט מיט אַ שמערצליכען שמײכעל, — מען אַרבײט, מען אַרבײט, מי האַוועט אין דעם געשעפט און בלײַבט מען אַלײן, איז אַן אומעט כאָטש ווער משוגע. קײן נפש ניטאָ פאַר וועמען די האַרץ אַ מאָהל אויסצורײדען. די משפּחה.. אָבער די משפּחה האָט געקוקט אויף מײן גאַנצען עסק ווי אויף אַ משוגעת, און דערפאַר בין איך געוועזען בײ זײ פערדרעכענט עפּעס ווי אַ פּסול.

זי איז בעקאַנט געוואָרען עפּעס מיט אײנעם וואָס האָט געטראָגען אַמאָל שליפּרעס. זײ זענען אײנער דעם אַנדערען געפעלען געוואָרען, דערנאָך איז בײ זײ געוואָרען אַ ליבע, עס איז געקומען צו אַ נעהענטערע פערבינדונג. מי האָט אָנגעהויבען אונטער צו „רײדען".

— וואָס טהוט מען? עס איז זעהר ג..ב בעקוועם! פאַר די אײגענע איז עפּעס אונפּאַסיג און דערצו — אַ נאַטשאַלניצע פון אַ שוהלע...

איז געבליבען מי זאָל הײראַטהען, נאָר זײנע געשעפטען

זענען עפּעס געווען פּערדרעהט: ער האָט געדאַרפט פון אימיצען אָבקויפען זיך, — קיין געלד איז ניט געווען.

ווייסטו וואס — מאכט ער צו איהר אמאָהל, — מיר האָבען א וועג ווי אַרויסצוקריכען. דיינע בעלי בתיש'קייט איז דאָך פּערזיכערט. נו אז מי זאָל אונטערצינדען...

— ביזט פון זינען אראָב!

קיינער וועט ניט וויסען. צו דיר וועט דאָס זאָגאַר ניט האָבען קיין שום שייכות. גיב נאָר דיין איינשטימונג. מען וועט שוין אַלץ מאַכען אָהן דיר איך האָב אזא מענשיל.

זי האָט פּראָטעסטירט. ער האָט איהר איינגערעדט: ווייניג מענשען טוען דאָס אין פּעטערסבורג ז'. קיין שום ריזיקע איז ניטאָ", דעם „מענשיל" איז שוין דאָס ניט דעם ערשטען מאָהל, דער „מענשיל" ווייס שוין ווי דאָס צו מאַכען:

— דו וועסט זיך אַוועקפאָהרען אין טהעאַטער. צו דיר וועט דאָס ניט זיין שייך.

צום סוף האָט ער געגעבען אויסקלייבען איינס פון די צוויי:

— קיין אַנדער ברירה איז ניטאָ דו ווייסט דאָך. אזוי קען אונזער בונד ניט אָנהאַלטען. הייסט דאָס: אָדער דו מוזט איינשטימען אויף אזא פּלאַן אָדער צווישען אונז דאַרף אַלץ זיין געענדיגט.

און ער האָט זיך ביי איהר געבעטען תחנונים, פּערשוואָרען איהר מיט זייער ליעבע.

האָט זי איינגעשטימט:

— רעכט, טהו ווי דו פּערשטעהסט.

אַ מאָל איז זי אַוועקגעפאָהרען אין טהעאַטער, קומענדיג צוריק האָט זי געפונען ביי זיך אין דעם היים א פייער.

עס איז געפאַלען א פּערדאַכט. עס האָט אויסגעזעהען קלאָהר אז די מעשה איז געווען א אונטערגעצונדענע מען האָט די באַראָנעסע היימבּרוך און איהר ליבהאָבער אַרעסטירט און אַריינגעזעצט אין אַרעסט הויז ביי דער פּאָליציי ביז'ן מִשְׁפָּט. דאָרטען האָבען זיי געקראָגען א מעגליכקייט צו שרייבען איינער דעם אנדערן צעטעלעך.

דער מִשְׁפָּט האָט געדויערט צוויי טעג. די באַראָנעסע האָט געזאָלט אַרויס ריין. עס זענען קיין שום בעווייזע ניט געווען אַז זי האָט געוואוסט וועגען דער אונטערצינדונג.

איין מאָל בְּשַׁעַת די ריכטער האָבען אונטערבראָכען דעם מִשְׁפָּט אויף אַ קורצע צייט אום אָבצורוהען זיך און די אָנגעקלאָגטע האָבען זיך געקענט דורכריידען האָט ער זיך געווענדעט צו איהר מיט אַ פראַגע:

— אויב מ׳ וועט מיך פערשיקען וועסטו געהען מיט מיר אין סיביר?

נאָך וואָס: נויטיג דאַרף איך דאָס!

— „אַזוי האָב איך טאַקע געזאָגט, מיט די זעלבע ווערטער— האָט זי זיך מיר מודה געווען. פערשטעהסט איהר מיך: פון בייזקייט, אויף צו לְהַכְעִיס. אָט נאַ דיר! הערט אַ געשיכטע! דו האָסט זיך פערפּלאָנטערט און איך דאַרף ליידען!“

— וועסט ניט געהן? נו גוט:

און ער האָט איבערגעגעבען צום געריכט איהרען אַ צעטעלע, וועלכער איז געשריבען געווען בְּזֶה הַלָּשׁוֹן:

— אויב דער סלעדאָוואַטעל (אונטערזוכונגס ריכטער) וועט דיר זאָגען אַז איך האָב זיך מודה געווען זאָלסטו ניט גלויבען. איך האָב זיך אין קיין שום זאַך ניט מודה געווען, דו האַלט זיך אויך פעסט, אַז דו ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגען.

קיין צווייפעל האָט שוין יעצט ניט געקענט זיין. ביידען האָט מען פערמִשְׁפָּט.

— פּאָדלעץ! פאַר וואָס האָסטו דאָס געטאָהן? האָט זי געפרעגט נאָך׳ן פּסק.

— איצטער, וויינִיגסטענס, ווייס איך, אַז דו וועסט קיין אַנדערן ניט געהערען. מיר וועלען געהן צוזאַמען און זיין צוזאַמען.

איהם האָט מען פערשיקט אין קאַטאָרגע. אין סיביר און איהר — אויפן אינזעל סאַכאַלין.

אַז זי איז געקומען אויפן אָרט איז די נאַטשאַלסטווא פון סאַכאַלין געווען אין אַ פערלעגענהייט.

— וואָס טהוט מען מיט אַ קאַטאָרזשניצע אַ באַראָנעסע?

געהן לעבען מיט אַ „פּאָסעלענעץ" (אַן אויסגעדיענטען קאַטאָרזשניק) ווי דער מנהג איז פון פערשיקטע פרויען אין סאכאלין וויל זי ניט.

— איך בין פערשיקט אין קאַטאָרגע אָבער ניט אויף „דאָס!"

איינינע פון די הערין בעאַמטע האָבען געפּרופט נעהמען איהר צו זיך פיר אַ „קעכין".

נאָר קוים האָט מען געוואָלט צו איהר „ווייזען אַ פריינד־שאַפט" איז זי אָבגעשפּרונגען אָן אַ זייט:

— איהר קענט מיך צווינגען צו אַרבייטען, אָבער „דאָס" קענט איהר מיך ניט צווינגען.

קיין טורמעס פיר פרויען איז ניטאָ.

זאָל מען איהר אָבגעבען „לעבען" מיט געוואַלד איז עפּעס ניט אַזוי בעקוועם: פאַרט אַ באַראָנעסע!

אומזיסט פלעגען זיך די ווייבער פון די בעאַמטע צושרייען אויף די מאַנען:

וואָס איז זי פיר אַ באַראָנעסע? וואָס חן'דעלט איהר זיך מיט איהר? — אַ קאַטאָרזשאַנקע גלייך מיט אַלעמען! איהר וואָלט איהר אַראָבגעשלאָגען די פליגלען!

די אונגוויסענדע ווייבער פון די בעאַמטע האָבען באַלד געקריגען אַ האַס צו דער „בעל גאוה'ניצע".

— אויך מיר אַ באַראָנעסע. דאָ, מאַמעלע, איז ניטאָ קיין באַראָנעסעס!

אָבער זי איז פאַרט געוועזען די איינציגע שניידערקע אויף דעם אינזעל סאַכאַלין! פאַרט געוועזען די איינציגע וואָס האָט געקענט אויפנעהען אַ קלייד „ווי געהעריג", נאָך דער „פּעטער־בורגער מאָדע". ניט ווילענדיג האָט מען דאָך געמוזט צו איהר אָנקומען, און דערפון פלעגען די ווייבער פון די בעאַמטע שפּרינגען פון הויט.

— עס זענען געוועזען פון דעסטוועגען צווישען זיי (די טשינאָווניק'סע ווייבער) אַזעלכע, וואָס פלעגען בעהאַנדלען די דינסטען זייערע כמעט העפליך און מיט מיר האָבען זיי ניט

געקענט רײדען א פרײנדליך װארט, — דערצעהלט מיר די „קאטארושניצע־באראנעסע“ איהרע ערװאנגונגען פון פריהערדיגע יאהרען. מען שיקט מיך רופען, און אז איך קום, שטעכט מען אזוי װי מיט מעסערס. עפעס א האאר ניט אזוי, ניט װי זי מײנט — א פאלדעלע, צי א װימעלע נעהמט זי טופען מיט די פינגער, מאכט קולות: װאס מײנסטו זיך, דו ביסט א באראנעסע? א? א באראנעסע? דו ביזט א קאטארושניצע! א לישאנע פראװ! פארשטעהסט דו מיך? און איך שטעה, און שװײג און שמײכעל...

און דער פערעכטליכער שמײכעל, מיט װעלכען זי דערמאהנט דאס איצטער, איז געװען װאהרשײנליך דא אויך אויף דער באראנעסע הײמברוך'ס געזיכט...

די װײבער פון די בעאמטע פלעגט דאס ארויסברײנגען גאר אין גאנצען פון זיך.

— באלד לויפען זײ זיך קלאגען פיר די מאנען. איך שװײג און זײ שרײען: „נעהם דו איין די צײנג!“

די מאנען זענען ניט שטארק נתפעל געװארען. זײ האבען אויף איהר א מאך געטאהן מיט'ן האנד. „לאז זי לעבען װי זי פערשטעהט. כאפט איהר דער טײװעל!“

די װײבער פון די בעאמטע האבען גאט געבעטען:

— מי װאלט כאטש א גוטע שנײדערקע געשיקט אהער פון ראסיי.

און דערװײלע, װארטענדיג אויף א גוטע שנײדערקע, פלעגען זײ זיך לאזען נעהען זײערע קלײדער בײ דער „באראנעסע“, פלעגען זיך דערבײ זידלען אויף װאס די װעלט שטײט, פלעגען צאהלען גראשענע פרײזען און שרײען:

— פאר װאס דאנקסטו ניט? א? נאך װעניג? ביזט ניט צופרידען? „באראנעסע“ מײנע? א?

און די „באראנעסע“, װאס האט אויף דאס אלעס געשװיגען װי די װאנד, איז געװען װי א דארן אין די אויגען פון טשינאװניקס'ע װײבער.

— איהר קענט זיך ניט פארשטעלען, װאס דאס איז פאר א „דראן“, פאר א „מערזאװקע“ אט די „באראנעסע!“ האט מיר

איינע דערצעהלט, — עס ווילט זיך אמאל — מי איז דאך א מענש, ווילט זיך א מאל אויף איהר רחמנות האבען, כאטש זי איז דאך א קאטארזשניצע, פון דעסטוועגען איז א רחמנות. גיט מען עפעס וואס נעהען, זי זאל ניט פגר'ן פון הונגער — עס ווילט זיך עפעס טאהן פיר איהר. מיינט איהר — איז זי דאנקבאר? פע? א גאנצע „פיינע בריה", א ווארט רעדט זי ניט אוים! ברייננט די קלייד און זאל זי גאר אויסריידען א ווארט! מאכט אזא אנשטעל, אזוי ווי זי טהוט דיר א טובה! זי איז דאך א באראנעסע! טו ווי זשע קען איהר אנשטעהן! אט אזא פאסקודסטווא איז דאס! זי שטעכט דיר ווי מיט שפילקעס אויף יעדען טריט. זאגט מען איהר עפעס א פעהלער אין דער קלייד, מאכט זי דיר, „ענטשולדיגט, סודארינא, אין פעטערסבורג טראגט מען אזוי". זי איז דאך פון פעטערסבורג, זי איז א באראנעסע, זי האט אלץ געזעהן, אלץ ווייס זי, און איך וואס? אבער איך בין א פרוי פון א בעאמטען! די פרוי פון דיין נאטשאלניק, אן עהרליכע פרויענצימער; און דו ביזט א קאטארזשניצע, א פארשיקטע, אן אויסוואורף, א אונטער־צינדערקע!... דאס וויל זי ניט פערשטעהן.

אזוי האט זיך געצויגען דער באראנעסע'ס קאטארגע. זי האט געארבייט פיר גראשענס, האט זיך געמאטערט ווי עס איז, האט געלעבט און געשוויגען.

איך האב געמיינט — איך וועל פערגעסען ריידען! דער־מאהנט מיט א שמייכעל די „באראנעסע".

פון איין זייט די קאטארזשניקעס מיט די קאטארזשניצעס, וואס קען זיין פיר א שייכות צווישען זיי און א יונגע אינטעליגענטע פרוי? פון דער אנדער זייט די ווייבער פון די בעאמטע, וואס דערזעהענדיג זיי פון ווייטען האט מען געדארפט לויפען אויף דעם אנדער זייט: באלז' הויבט זיך אן א סדרה מיט זידלערייַ, דו אזעלכע און אזעלכע, ווארפען מיר אויף: „באראנעסע".

— אט אזוי האב איך געלעבט צווישען הימעל און ערד. פון דער „שפאנקע" הערט מען נאר אויפווארפענעם: „באראנעסע!" די היגע אינטעליגענץ ווארפט אויף „באראנעסע!"

דאָס איז געווען אונמעגליך אויסצוהאַלטען און די באַראָנעסע איז ענדליך אוועק לעבען מיט איינעם אַ פעלדשער, וועלכען מען האָט פאַרשיקט פיר הרג'ענען זיין ווייב. ער איז פאָרט געווען אַ ביסעל אינטיליגענטנער פון אַנדערע.

אוועק צו איהם, ניט ווילענדיג, ניט ליעבענדיג.

— איהר קענט איהם, האָט זי געזאָגט צו מיר. קען מען אַזאַ מענשען ליעב האָבען? אָבער ווי לעבט מען אין אַזאַ אומעט. איך האָב ניט געקענט אויסהאַלטען. און ער האָט זיך צו געטשעפּעט און געשוואָרען, אַז ער וועט בעסער ווערען.

דאָס האָט אַרויסגערופען ביי אַלעמען אַ בייזע שמחה און נקמה:

— אַהאַ! וואָס זאָגט איהר! צום פעלדשער איז זי אַוועק, לעבען מיט איהם! אָט האָט איהר אייך אַ „באַראָנעסע!" כאַ־כאַ!

— דאָס איז שוין גאָר אַ פערפאַלענער מענש! האָט מיר געזאָגט האַלב מיט בעדויערען, האַלב מיט עקעל אַ פרוי פון איינעם אַ גרויסען בעאַמטען, — עס פערדריסט אַפילו, וואָס זי האָט אַ מאָל געטראָגען אַזאַ טיטעל! צו וואָס זי איז געקומען! האָט זיך פאַרדרעהט מיט אַ פעלדשער! דערנאָך האָט מען זיי קוים פאַרנאַנדערגענומען, — שמוץ, און נאָך וואָס פאַר אַ שמוץ!

דער פעלדשער איז געווען אַ שמוציגער שטיק חלב, פון וועלכען יעדען האָט געעקעלט. עקעלהאַפטער פאַר דיזען גראָבאַץ מיט זיין שפּיציגער בערדיל אונטער דער אונטערשטער ליפּ, אויף וועלכער עס האָט געגלימטשערט עפּעס אַ אַלטע פאַרעסענע וואונד — האָב איך ניט געזעהן אויף גאַנץ סאַכאַלין.

— אָט איז אַן עקזעמפּליאַרטשיק — האָט מיר אויף איהם אָנגעוויזען, איהם גלייך אין פּנים אַריין, דער דאָקטאָר, — נו, וואָס? האָט ער זיך געווענדעט גלייך צו איהם, האָסט שוין ווייטער געקראָגען עפּעס אַ יונגע מיידעל צו האַנדלען?

— איך האָב טאַקי אַן „עקזעמפּליאַרטשיק", — האָט געענטפערט דער פעלדשער און די פעטע גלאַנציגע צורה איז ביי איהם גאָר אַזש צושוואומען געוואָרען פון אַפּעטיט.

עֶר פּראַקטיצירט שטיללערהייט, אויסנוצענדיג די אונוויסענהייט פון די „פּאַסעלענצעס", גנב'עט רפואות, און אַלץ וואָס ער פאַרדיענט אויף אַזאַ אופן, גיט ער אויס אויף „שטושקעס", „עקזעמפּליאַרטשיקעס", „פּרעדמעטען" ווי ער רופט דאָס אָן, — איבערהויפּט קויפט ער יונגע קינדער.

די אינטיליגענטנע פרוי איז באַלד נמאס געוואָרען דעם אויסוואורף דעם פעלדשער.

— איך בין נאָך פון איהם שוואַנגער געוואָרען! — דערמאָהנט דאָס די באַראָנעסע ציטטערנדיג פון עקעל. גאָטט מיינער! וואָס האָט זיך דאַמאָלס געטאָהן! וואָס איך פאַרדינ שלעפּט ער אַוועק אויף קויפען יונגע מיידלאַך, האָט זיי אָנגעהויבען צו שלעפען אין שטוב אַריין. געה איך אַרויס פון שטוב און קום צוריק — ער טהוט שוין כל השמוצינקייטען. געה איך אַרויס אויפ'ן הויף — איז ער דאָרטען אונטער דער סטרעכע. אַ היים קומט ער אַ צוקיילטער, אַ צובייללטער. האָב איך איהם אַרויסגעטריבען. געהט ער ניט. „ס'איז מיין שטוב!" — שרייט ער. דער נאַטשאַלסטוואָ האָב איך זיך אויף איהם ניט געקלאָגט. גאָטט מיינער! וויפיעל ערנידערונגען האָב איך זיך אויסגעשטאַנען! אַלע — כאַ־כאַ־כאַ! „נו, באַראָנעסע. וואָס קריגט איהר זיך עפּעס מיט אייער פעלדשער? איהר האָט געדאַרפט לעבען בשלום! אַ! ער איז דאָך אַ מענש אַ אינטיליגענטנער!" קוים מיט צרות האָט מען מיך מיט איהם פאַרנאַנדערגעבונדען.

דער פעלדשער איז אַוועק, די באַראָנעסע איז געבליבען מיט אַ קינד פון איהם.

עפּעס מאָדנע האָב איך געפיהלט, בשעת איך בין געזעסען צו גאַסט ביי דיזער „קאַטאָרזשניצע־באַראָנעסע", וועלכע איז שוין יעצט אַ „פּאַסעלענקע", זי וואָהנט שוין פריי אויפ'ן אינזעל.

מיר זענען געזעסען אין אַ קליינער, שמאָלער קאַמעריל, מיט אַ רייכע בעט און בעטצייג, צוגעדעקט מיט אַ קאָלדרע פון שאַרע אַרעסטאַנטסקע טוך.

אויפ'ן פענסטער איז געשטאַנען אַ וואַזאָנע, אויפ'ן קאַמאָד אונטער דעם לאָמפּ איז געווען אַ אונטער־דעקעל צונויפגענעהט

פון שטיקלאך צייג. דאס האט פארט צוגעגעבען דער קליינער פינסטערער קאמעריל עפעס א מין בעקוועמליכקייט. עס איז קענטיג געוועזן, אז דא וואהנט א מענש, וואס איז צוגעוואהנט צו אייניגער מאסען בעקוועמליכקייט.

ריידענדיג מיט מיר האט די באראנעסע געריכטעט, צוגעלאשען די איבערגעבליבענע שטיקלאך פאפיראסען און געלאזען זיי ליגען אויפ'ן טיש גופא אין א קופע אש, האט געשפייט אין מיטען פארלאנגע, און דערפון האט זיך געטראגען עפעס א מין אונהיימישער צוואָרפענקייט, א סאבאלינער הוילקייט, א ריח פון קאטארגע.

אז אין צימער פלעגט אריין אן ארבייטער, א קאטארזשניק, איהר אונטערהעלפער אין דער בעקעריי, — פלעגט זי אנהויבען צו ריידען מיט מיר פראנצויזיש. די פראנצויזישע אויסשפראכע איהרע איז וואונדערבאר, שיין, עלעגאנט. זי בעזיצט יענע וואונדערבארע, שיינע, עלעגאנטע, ליטעראַרישע פראנצויזישע שפראכע, וועלכע עס ריידען רוסען מיט א גוטען ערציהונג. און אז מיר פלעגען איבערגעהן אויף רוסיש, האט זי געהערט, אליין ניט בעמערקענדיג אויף דעם קאטארזשנעם לשון.

— איהר פארשטעהט דאך אליין — אויף „פארט"*) קען איך ניט געהן... הארעווע איך מיט שווערער מאטערנעס, און בין אין איין ציטערנעס, אז די „שפאנקע" זאל מיך ניט „צונעהען"**)

אזא מאדנעם איינדרוק האט געמאכט אויף מיר דאס געברויכען איינע לעבען די אנדערע, דא די פראכטפאָלע פראנצויזישע שפראכע, דא דעם קאטארזשנעם זשארגאן און איהר אנכאפען זיך פאר'ן טיטול „באראנעסע" דערפאר, ווייל זי ווערט פארציטערט פאר דעם נאמען „קאטארזשניצע".

*) פארט, גליק, הצלחה. געהן אויף פארט — הייסט געהן אויף א גרינג לעבען.

**) „צונעהען" — הרג'ענען אויף קאטארזשנעם לשון.

בְּשַׁעַת איך בין בעקאַנק געוואָרען מיט דער באַראָנעסע האָט זי איבערגעלעבט אַ שווערע צייט.

מיט אַ קורצער צייט פריהער האָט זיך געטראָפען אין ריקאָווסק, וואו די באַראָנעסע האָט דאַמאָלס געוואָהנט, אַ פּאַסירונג וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ רעש, און די באַראָנעסע האָט געציטערט, אַז מי זאָל איהר ניט „פאַרשיטען“.

אַ מאָהל איז צו איהר געקומען אַ יונגער מענש, דער בראָדיאַגע טומאַנאָוו, וועלכען מען האָט אַריבערגעפיהרט אין ריקאָווסק און געמאַכט פיר אַ שרייבער ביי דער פּאָליציי, און האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט:

— קניאַז דער און דער

— ער איז ווירקליך אַ קניאַז, האָט מיך פאַרזיכערט די באַראָנעסע, איך וויים ניט וואָס האָט איהם געצוואונגען אָבצוזאָגען זיך פון זיין טיטול און ווערען אַ בראָדיאַגע, — וועגען דעם פלעגט ער אויסמיידען צו ריידען, אַ מענש מיט אַ גוטער ערציהונג, זעהר אַ געבילדעטער, אַ קלוגער, נאָר שרעקליך אַ נערוועזער, קרענקליך נערוועז.

ער האָט געבעטען אַ ערלויבניס צו בעזוכען. די באַראָנעסע האָט ערלויבט, און טומאַנאָוו פלעגט יעדען טאָג, קוים האָט זיך געענדיגט זיין אַרבייט אין קאַנצעלאַריע, אַוועק צו איהר.

מי וויים ניט צו איז וואָס געווען צווישען זיי, נאָר דיזע מענשען, וועלכע זענען געווען גלייך אין בילדונג און געהערט צו דערזעלבער געזעלשאַפט, האָט געצויגען איינע צו דעם אַנדערען. זיי האָבען געהאַט ענליכע מיינונגען, ענליכע אינטערעסען, עס האָבען זיך זאָגאַר געפונען ביי זיי אַלגעמיינע בעקאַנטע אין פּעטערבורג.

די באַראָנעסע זאָגט, אַז די האַרץ פלעגט ביי איהר אָבגעהן, אין די געשפּרעכען מיט'ן קניאַז. שטעלט אייך פאָר: בעגעגנען פלוצלונג דאָ, אין סאַכאַלין, אַ ליבענסווירדיגען יונגען מאַן, איהר קענט דאָס אייך פאָרשטעלען?

און ער האָט גע'טענה'ט: איהר ווייסט, איך פאַרברייננג מיט אייך דוכט זיך מיר, אַז עס איז אוים קאַטאָרגע, אוים

בראַדיאַגע, אז מיר זיצען מיט איך ערגעץ אין פעטערסבורג.
אמאָל איז טומאַנאָוו פלוצלונג געקומען צולויפען צו איהר שרעקליך אונרוהיג און צוטראָגען. א טשינאָווניק פון סאַבאַלין האָט געכטען פערלאָרען אין קאָרטען און זייענדיג ביז און אויפגעבראַכט האָט ער איהם — ער ווייס ניט פאַר וואָס און פאַר וועָן, אָנגערופען: „פאָדליעץ" און „מערזאַוועץ".

— איך קען דאָס אזוי ניט ליידען! — האָט געזאָגט טומאַנאָוו קאָכענדיג זיך שרעקליך, — מי קען מיך שמייסען, ווייל איך בין א בראַדיאַגא! נאָר „מערזאַוועץ" און „פאָדליעץ" האָט מען קיין רעכט מיך צו רופען! איך בין קיין מאָל ניט געוועָן קיין „מערזאַוועץ" און „פאָדליעץ!" איך בין דערפאַר אין קאַטאָרגע, ווייל איך בין ניט קיין פאָדליעץ און קיין מערזאַוועץ. דאָס קען איך אזוי ניט ליידען.

אזוי האָב איך איהם קיין מאָהל ניט געזעהן! — רופט זיך אָב די באַראָנעסע.

די באַראָנעסע איז געוואָרען אויסער זיך, ביי איהר איז איינגעפאַלען די הארץ.

איך האָב שוין אזוי אויך גענוג געליטען צוליעב איינעם. גענוג פיר מיך!

זי האָט געזאָגט טומאַנאָוען:

— איהר האָט עפּעס אין זינען צו טאָהן א שרעקליכע זאַך — לאָזט מיך צורוה. געהט אוועק פון מיר, די מינוט געהט אוועק, איך וויל פון גאָר נישט וויסען, איך ווילל ניט פטר'ן מיין לעבען.

— טרייבט איהר מיך אוועק? איהר אויך?

— געהט אוועק פון מיר, אויב איהר זייט אַן אָרענטליכער אַנשטענדיגער מענש...

— נו, רעכט....

טומאַנאָוו איז אוועק, און אין אבענד האָט גאַנץ ריקאָווסק געקאָכט ווי א קעסיל: די בראָדיאַגע טומאַנאָוו האָט זיך א וואָרף געטאָהן אויף דעם טשינאָווניק און געוואָלט איהם הרג'ענען.

טומאַנאָוו איז געקומען צו אַן אַנדער בעאַמטען אויף׳ן קוואַרטיר, דאָרטען וואו דער דאָזיגער טשינאָווניק האָט זיך „געשטיט״ אין קאָרטען. ער האָט געבעטען, מי זאָל איהם אַרויסרופען. ער דאַרף איהם האָבען וועגען אַ נייטיגער זאַך, און אַז יענער איז אַרויס אין קיך, האָט ער זיך צו איהם פערנייגט און געזאָגט: — איך בין אייך געקומען בעדאַנקען דערפאַר וואָס איהר האָט מיר געגעבען אַ נייעם נאָמען, — איהר האָט מיך אָנגערופען „פּאָדליעץ״ און „מערזאַוועץ״.

דער טשינאָווניק האָט פאַרגעסען די קליינינקייט וואָס אין דער פריה האָט פּאַסירט — ווי קען מען געדיינקען אין סאַכאַלין יעדען אויסגעזידעלטען קאַטאָרזשניק, — ניט איינהערענדיג זיך און ניט פאַרשטעהענדיג, אום וואָס דאָ האַנדעלט זיך האָט ער געענטפערט:

— גוט, גוט. איך בין אויף דיר ניט אין כּעס. געה, שפּעטער וועסטו זיך ענטשולדיגען...

ניין, ניט שפּעטער, נאָר יעצט! רופט זיך אָב טומאַנאָוו האָט אָנגעשטעללט אויף דעם טשינאָווניק דעם רעוואָלווער און האָט אויסגעשאָסען.

אָט דאָ האָט מען געזעהן, אַז טומאַנאָוו איז בלאַס, ווי אַ טויט, די אויגען זענען ווילד, קוים וואָס ער שטעהט אויף די פיס.

די קויל האָט ניט געטראָפען. טומאַנאָוו איז אַרויס געלאָפען אין קיך און אויסגעשאָסען אין זיך אַליין, נאָר די קויל האָט איהם אויך ניט געטראָפען.

מען האָט טומאַנאָווען געכאַפּט. די אומשטענדען זענען געוועזען עפּעס מאָדנע. דער רעוואָלווער איז געוועזען געלאָדען מיט סך הכּל צוויי קוילען.

— די איבעריגע האָב איך אַרויסגענומען. איך האָב מעהר ניט געדאַרפט ווי צוויי! האָט ערקלערט טומאַנאָוו.

טומאַנאָוו האָט געפּלאָנטערט עפּעס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען. מי האָט איהם איבערגעפיהרט אין פּאָסט אַלעקסאַנדראָווסק. אַ צווייטע טורמע אין סאַכאַלין, דאָרטען האָבען איהם

שפּעטער אַבּיסעל די דאָקטוירים אַרומגעקוקט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז טומאַנאָוו איז ניט ביים זינען.

נאָר דאַמאָלס האָט מען נאָך ניט געוואוסט, אַז טומאַנאָוו איז משוגע. אַללע הערן בעאַמטע האָבען מיט איין קול געפאָדערט, אַז מי זאָל איהם שטראָפען ווי געהעריג, עס זאָל זיין אַן אָנלערנונג פיר אַנדערע, מי האָט געפאָדערט מי זאָל איהם הענגען, כדי אַרויסצוואַרפען אַ מורא אויף דער „צולאָזענער קאַטאָרגע“, און די בּאַראָנעסע היימברוך האָט געבעטען, איז געפאַללען צו די פיס, צו קען מען עפּעס ניט טאָהן פיר טומאַנאָווען.

— איך בין אַליין שולדיג. איך אַליין. עס קען זיין אַז מיינע ווערטער האָבען אויף איהם אַזוי שטאַרק געווירקט. ווירקליך, איז אַזאַ מינוט צו פיהלען זיך גאַנץ אַליין. נאָר זאָגט אַליין, וואָס האָב איך געזאָלט טאָהן? אַ מענש קלייבּט זיך צו טאָהן גאָטט וויים וואָס. — ווי האָב איך געקענט מיט איהם ריידען? איך וועל דאָך זיין אַ פערפאַללענע! מילא איך אַליין איז נאָר נישט! אַז איך וואָלט געווען אַליין, וואָלט איך אָפּשר וועגען דעם ניט געקלערט. נאָר מיין קינד, — וואָס וועט זיין מיט איהם? צו קען איך איינשטעלען מיין קינד'ס לעבען?

דיזעס קינד פון אַ מענשען וואָס זי האָט ניט געליעבט, פון אַ מענשען אַן עקעלהאַפטען, אַ פעראַכטעטען — דאָס איז אַללעס וואָס די בּאַראָנעסע האָט אין איהר לעבען.

אַ פערציטערטע ווערט זי פון עקעל, ווען זי דערמאָהנט זיך, אַז זי איז געווען שוואַנגער פון'ם פעלדשער, און פון דעסט וועגען ליעבט זי דאָס קינד מיט אַ ווילדער, משוגענער ליעבע.

אָט אַזוי ליעבט זי איהר פינף יאָהריגען, שוואַכען, קרענקליכען, סקראָפּילנעם אינגעל, צוליעב וועלכען זי אַרבּייט פון פריה ביז נאַכט, ניט אָבּרוהענדיג אַ מינוט, קנעט דייזעס טייג, במאַרעט זיך און בּראָט זיך ביים אויווען, זעצט די לאַבּענס ברויט, זיצט אַן אויפגעדרעהטע, נעהט פיר גראָשענע געצאָהלט קליידער די ווייבער פון די טשינאָווניקעס, גיט דעם גלח'ס קינדער לעקציאָנען אין פראַנצויזיש.

זי ליעבּט דאָס קינד און פון ליעבּשאַפט שטעללען זיך איהר אַזש טרעהרען אין די אויגען ווען זי קוקט אויף איהם:

— זיי האָבּען איהם אויך אַ נאָמען געגעבּען „בּאַראָן". מאַכען פון איהם חוזק. פון די טשינאָווניקעס קינדער טרייבּט מען איהם אַוועק, — מוז ער שפּיעלען מיט דער „שפּאַנקע"...

זי ליעבּט איהם מיט אַ ליעבּע אַ שרעקליכע, אַ שווידער־ליבע.

— דאָס וואַקסט דאָך אַ צוקונפטיגער מערדער! רעדט זי און ווערט אַ פערציטערטע, — איהר שטעלט זיך נאָר פאָר, וואָס פיר אַ שיינע ירושה ער האָט. זיך אַליין האַלט איך ניט, פאַרשטעהט זיך, פיר אַ פאַרבּרעכערין! נאָר איהר נימט אַ קוק אויף דעם פאָטער. אַ מערדער, אַ האַלבּער משוגענער, אַן אויסוואורף! איהר ווייסט ער איז דאָך דאָ ניט לאַנג, מיט זיין שענדליכע פער־דאָרבּענהייט, אַריינגעקראָכען אין אַזאַ געשיכטע, — און איך האָבּ איהם געמוזט אויסקויפען: די לעצטע 20 רובּיל האָבּ איך אַוועקגעגעבּען, מי זאָל איהם ניט אַריינזעצען אין טורמע, — איך האָבּ געגעבּען, וואָס זאָל איך טאָהן. וואָרום מיין קינד רופט איהם פאָרט „טאַטע", בּשעת ער בּעגעגענט איהם. זאָל מען דאָס קינד ניט אויפוואַרפען: „דיין טאַטקע זיצט אין טורמע......" נו, און דערנאָך, וואָס קען אַרויסקומען פון דאָס קינד דאָ אין סאַבּאַלין! וואָס זעהט ער פאַר די אויגען! אַלע טאָג רציחות, עקעלהאַפטע פערדאָרבּענהייט, די קנוטע, די קאַטאָרגע. אָט גיט אַ קוק אויף זייער שפּיעלען. זיי שפּיעלען זיך „אין הענקערס", אין תליות. דער הענקער איז בּיי זיי אַ העלד, אַן אייבּיגער קאַטאָרזשניק — אַ העלד. איהר גיט אַ פרעג בּיי אַ צעהניאָהריגען אינגעל: וואָס איז אַזוינס אַ טורמע? וועט ער אייך ענטפערען: „אַן אָרט וואו מי ניט עסען". וואו איז בּעסער אין טורמע, צו אין דער פריי? „פאַרשטייט זיך אין טורמע בּעסער, — וועט אייך יעדעס קינד ענטפערען, — אין דער פריי פגר'ט מען פאַר הונגער". אָט מיט אַזוי־ע געדאַנקען נעהמט זיך אָן אַ אינגעל פון קינדהייט אָן. די טורמע איז פיר איהם עפּעס אַ געוועהנליכע זאַך, וואָס אָהן דעם קען מען ניט אויסקומען, די טורמע איז פיר איהם אַ קאַריערע -

זואָס וועט פון איהם ווערען? דאָס זעלבע וואָס פון אנדערע! אַ מערדער. איך האָדעווע דאָך איהם פאר דער קאטאָרגע, פיר דער קאטאָרגע האָדעווע איך איהם! אַ צוקינפטיגען מערדער!.. נאָר דערוויילע, דערוויילע איז ער נאָך אַ קלײנינקער, ער האָט נאָך אין זיך ניט די אַללע זאכען, ער איז אַ קינד, אָט אַזוי ווי אַללע...

און זי האָט פיר מיר אין די אויגען גענומען קושען איהר אינגעל, וואהנזיניג, היסטעריש, ווילד. די אויגען אָנגעלאָפען מיט טרערען. דער אינגעל איז געקומען אין שטוב מיט אַנגעוויין,— מי האָט איהם נאָר וואָס אָבגעטריבען פון דעם נאטשאלניק'ס קינדער און געשימפפט איהם מיט דער צונעהמענעס: „באראָן".

— מאמע, הײס זײ ניט זידלען זיך „באראָן"! הײס ניט,

אַוועקפאָהרענדיג פון ריקאָווסק, זײענדיג דעם לעצטען מאָל בײ דער „באראָנעסע" מיט אַ וויזיט, האָב איך בשעת זי האָט מיך בעגלײט ביז'ן טיהר, זיך בעשלאָסען צו פרעגען בײ איהר:

— נו, און יענער, מיט וועלכען מען האָט איך געמשפט פון איהם הערט איהר גאָרנישט?

— ער איז אין סיביר, האָט געענדיגט, אַזוי ווי איך, זײן טערמין און איז אַ „פאָסעלענעץ". ער איז אויסגעשטאַנען גרויסע צרות, האָט מיר געשריבען אַ בריעף האָב איך איהם געשיקט געלד אביסעל, וואָס איך האָב געהאַט. די קאטאָרגע איז איהם נעבאך געווען זעהר שווער צו טראָגען. ער איז אויס-געשטאַנען גרויסע צרות. דאָ ניט לאַנג האָב איך נאָך ערהאַלטען פון איהם אַ בריעף. ער איז קראַנק, ער קלאָגט זיך, בעט, איך זאָל איהם שיקען אביסעל געלד...

— און איהר?

— כ'וועל שיקען.

איך האָב איהר אַ קוש געטאָהן די האַנד און בין אוועק.

— אַ! פון וואַנען געהמט איהר? פון דער פרײַנדין, דער „באראָנעסע"? — האָט מיך בעגעגענט אויף'ן וועג דער סמאָטריטעל פון טורמע, — זי איז אַ גרויסע ליעבהאָבערקע פון מאַנסביל, די פאָרלע באָבע! מיט'ן פעלדשער האָט זי זיך ארומגעדרעהט;

טומאַנאָוו האָט זיך אויך צו איהר „געשליאַיעט“. איך ווייס דאָך אַלץ, — כע — כע! 20 קאַרבען האָט זי דאָ פאַר'ן פעלדשער בעצאָהלט: דער ליעבער שיינער פריינד איז אַריינגעפאַללען אין אַ צָרָה. זי האָט טומאַנאָוען אין טורמע אויך שטילענקערהייט אונטערגעשיקט ווייסענקע בולקעס און וואָס מיינט איהר? זי האָט אויך איהר אַ מאָליגען פריינד די גאַנצע צייט געשיקט געלד. איך ווייס דאָס פון דער פאָסט! אַללע זענען זיי ביי איהר אויף געהאַלט. אַ ליעבהאָבערקע פון מאַנסביללע, — די פאָדלע בעשעפעניש! דרעהען האָט זי געהאַט! די אויסוואורף! אָט דערפאַר טאַקע איז זי אַריינגעפאַלען אין קאַטאָרגע, וואָס זי איז אַן אויסוואורף, — צוליעב אַ ליובאַווניק!.....